STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02517

# DER SHTUTGARTER KONGRES UN ZAYNE PROBLEMEN

K. Farnberg

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ק. פַאַרנבערג.

# דער שטוטגאַרטער קאָנגרעס און זיינע פּראָבלעמען.

ערשטעס העפט.

ביכעפערלאַג „צוקונפט“.

פּרייז 15 קאָפּ.

## ערשטער קאפיטעל.

# דאס נאציאנאלע און דאס אינטערנאציאנאלע.

דאס נאציאנאלע און דאס אינטערנאציאנאלע — אין וועלכע בעציהונגען געפינען זיי זיך איינע צו די אנדערע? צו זענען עס שני הפכים, צוויי זיך ווידערשפרעכענדע, זאגאר ענטגעגענגעזעצטע בעגריפען, אדער, פערקעהרט, עס זענען צוויי פריינדליכע, צוזאמענהענגענדע, צוזאמענגעהענדע שטרעבונגען און ריכטונגען?

די דאזיגע פראגען טרעטען פאר אונז ארויס ביי אונזער ערשטען טריט צו דעם פראלעטארישען אינטערנאציאנאל אין זייער פולער שארפקייט און פאדערן א קלארען ענטפער. מיט א דיקען פרוכת איז פאר אונז פערדעקט דער קדשי-קדשים פון דעם אינטערנאציאנאל, כל זמן מיר קענען זיך ניט אבגעבען קיין דין-וחשבון איבער דיזע פראגען. נאך מעהר, נאר דורכציהענדיג א שארפע גרענעץ-ליניע צווישען נאציאנאל און אינטערנאציאנאל, נאר ערקלערענדיג זיך גענוי די אויפגאבען פון יעדער איינער פון זיי און זייערע בעציהונגען צווישען זיך, קענען מיר געפינען א פעסטען און ריכטיגען מאסשטאב, אבצומעסטען און אבצושאצען די בעדייטונג און דעם איינפלוס פון די אינטערנאציאנאלע קאנגרעסען בכלל און דעם זינן פון די ארבייטען און בעשלוסען פון לעצטען אינטערנאציאנאלען קאנגרעס אין שטוטגארט בפרט.

די אינטערנאציאנאלע בורזשואזע פרעסע שרייט אין איין פערטויבענדען כאר: נאציאנאל און אינטערנאציאנאל זענען צוויי ענטגעגענגעזעצטע בעגריפען. זי בעשולדיגט די סאציאלדעמאקראטיע, וועלכע פעראייניגט דיזע ביידע בעגריפען, אין צווייערליי חטאים: ענטווידער, זאגט זי, האט די סאציאלדעמאקראטיע ניט קיין שום נאציאנאלע געפיהלען, קיין פונק פון פאטריאטיזם און איז „פאטערלאנדס-

לאז"; אדער, שרייבט זי, דער אינטערנאציאנאליזם פון דער סאציאלדעמאקראטיע איז נאר א פויך-זאך, נאר א אויבערפלעכליכע ערשיינונג, נאר אין ווארט, ניט אין טהאט. —

ס'פערשטעהט זיך, אז דיזע בעשולדיגונגען האבען קיין גרונד ניט. זיי ווערען ענטוועדער אומישנע פאבריצירט אלס מוטוויליגע רכילות, כדי צו פערשווארצען און פערלוימדען די סאציאליסטען; אדער זיי זענען די פרוכט פון דער שרעקליכער אונוויסענהייט, וועלכע הערשט אין בורזשואזען לאגער בנוגע צו אלץ, וואס איז שייך צום אינערליכען לעבען פון פראלעטאריאט. דאך, עס מוז געזאגט און אונטערשטריכען ווערען, אז לייכט איז ניט אנגעקומען דער אינטערנאציאנאלער סאציאלדעמאקראטיע צו בריינגען אין הארמאניע, אין איין לאגישען צוזאמענהאנג דאס נאציאנאלע און דאס אינטערנאציאנאלע פון דער פראלעטארישער בעוועגונג. —

ניט אין די געפיהלען, ניט אין די געדאנקען און שטרעבונגען זענען געלעגען די שוועריגקייטען, נאר אין די פאקטען פון לעבען, אין דער ווירקליכקייט, וועלכע איז דאך פלייש פון פלייש און בלוט פון בלוט פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג, וואס איז אויף יעדער טריט פול מיט די שרייענדסטע ווידערשפרוכען און אונגערעכטיגקייטען.

שוין זעכציג יאהר, ווי עס האט אדונער געטהאן דער מעכטיגער רוף: „פראלעטאריער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך!" שוין מעהר ווי 40 יאהר, ווי די זעלבע צוויי גרויסע גייסטער, וועלכע האבען ארויסגעגעבען אין „קאמוניסטישען מאניפעסט" דעם שלאכט-רוף, האבען אין דער „אינטערנאציאנאלער ארבייטער-אסאציאציאן" געפרובירט צונויפזאמלען די פראלעטארישע ארמייען. — א רייהע פון יאהר צעהנדליגען איז אריבער. אבער ווי ווייט איז דער פארשריט!

אין אנ'ארטיקעל וועגען דעם „אינטערנאציאנאל", כאראקטעריזירט אויך בעבעל די ערשטע, פון מארקס און ענגעלס געמאכטע פראבען, דעם שלאכט-רוף פון „קאמוניסטישען מאניפעסט" אין פראקטיק דורכצופיהרען אויף פאלגענדען אופן: „יעדער אנפאנג איז ניט בלויז שווער, נאר, געוועהנליך, קליין, נאך האט אין יאהר 1864 געהערשט רוהע איבער די וואסערן פון דער פראלעטארישער בעוועגונג. דער סאציאליזם איז געוועזען פאר דעם פראלעטאריאט נאך א פרעמדע אידעע. ערשט מיט א יאהר פריהער איז אין דייטשלאנד דורך לאסאלען גערופען געווארען צום לעבען די ערשטע סא-

ציאליסטישע ארגאניזאציאן פון גרעסערן פארמאט, דער „אלגעמיינער דייטשער פעראיין". אבער אויך ער האט געהאט נאר עטליכע הונדערט מיטגליעדער... אין ענגלאנד האבען עקסיסטירט טרייד-יוניאנס, אבער סאציאליסטישע אידעען האט מען ביי זיי אפילו ניט געדארפט זוכען. אין פראנקרייך זענען די סאציאליסטען געווען צושפאלטען אין עטליכע שולען, די ארגאניזאציאנען — קליין און האבען געטראגען דעם כאראקטער פון אבגעזונדערטע סעקטען. און די מיטגליעדער זענען בעשטאנען הויפטזעכליך פון אינטעליגענטען... אין די איבעריגע לענדער פון אייראפע זענען סאציאליסטישע עלעמענטען נאר איינצעלווייז געווען צושפרייט.

די גרינדונג פונ'ם אינטערנאציאנאל, איידער עס זענען געווען די נויטיגע גרונדלאגען אין די איינצעלנע לענדער, האט געהייסען, באמת — זאגט בעבעל — אנהויבען בויען די הויז פון דאך אן. פונדעסטוועגען האט דער אינטערנאציאנאל געהאט זעהר א גרויסע און גוטע ווירקונג אויף די בעוועגונג אין די פערשיעדענע לענדער און האט פיעלפאך געגעבען דעם ערשטען שטויס צו גרינדען נאציאנאלע סאציאליסטישע ארגאניזאציאנען און פארטייען".

דאס, וואס דער גאנצער בנין פון דעם ערשטען אינטערנאציאנאל איז בעשטאנען פון א דאך, אהן ווייען און אהן א פעסטען, טיעפען פונדאמענט אין די איינצעלנע לענדער, האט געהאט פאר איהר די גרויסע מעלה, וואס איהר איז ווייניג וואס אויבגעקומען געשטרויכעלט צו ווערען אין די פעלזען פון נאציאנאל און אינטערנאציאנאל. עס האט אבער געהאט דעם גרויסען חסרון, וואס דיזע גרויסע פראבלעם איז איבערגעלאזען געווארען פון די גרינדער פון וויסענשאפטליכען סאציאליזם, ניט בלויז ניט פערענטפערט, נאר כמעט ניט בעריהרט.

„דער דאך אהן א פעסטען בנין" איז צופאלען געווארען אין אנפאנג פון די זיבעציגער יאהרען. און די פראלעטאריער אלער לענדער האבען זיך גענומען פלייסיג, מוטיג, ערנסט אין אלע לענדער בויען בנינים, פעסטע, זיכערע, אויף טיעפע פונדאמענטען. „ערשט נאכדעם, ווי דער בוי איז געווען גענוג איינגעפונדעוועט — זאגט בעבעל — האט דער נייער אינטערנאציאנאל גענומען ארויפשטעלען דעם דאך". דאס איז געשעהען אין פאריז אין יאהר 1889 צו דעם הונדערטיאהריגען יובילייאום פון דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציאן.

די הויפּט-בעדייטונג פון דעם ערשטען קאָנגרעס פון דעם נייען אינטערנאַציאָנאַל איז בעשטאַנען ניט אין זיינע טהאַטען, נאָר אין דעם פאַקט אַליין, וואָס ער איז פאָרגעקומען. און דאָס האָט אויך אויסגעדריקט אין זיין רעדע וואַיאַן, איבערנעהמענדיג דעם פאָרזיץ (צוזאַמען מיט ליבקנעכטען) אויף יענעם קאָנגרעס. „איך בעגריס — האָט ער געזאָגט — אין'ם נאָמען פון אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליזם די דעלעגאַטען, וועלכע זענען געקומען פון אַלע לענדער, כדי אין נאָמען פון די פעלקער צו אונטערשרייבען דעם „איינִיגונגס-אָבמאַך, וועלכער מוז דיענען אַלס אָנפאַנג פון זייער געמיינזאַמען האַנדלען און אַלס אָנפאַנג פון זייער בעפרייאונג".

אויפ'ן ערשטען פּאַריזער קאָנגרעס פון יאָהר 1889 האָבען די בעריכטען פערנומען די גאַנצע צייט. די פראַגען, וועלכע זענען אַרויסגערוקט געוואָרען: דער יום-טוב פון ערשטען מאַי, די ערקלערונג פאַר די איינפיהרונג פון פאָלקס-מיליץ און פאַר דעם וועלט-פריעדען, די פּרינציפּען פון אַרבייטער-שוץ-געזעצגעבונג האָבען די ערשטע צייט נאָך ניט טיעף איינגעדרונגען אין דעם לעבען פון די איינצעלנע, נאַציאָנאַלע פּאַרטייען. די מאַכט, דער איינפלוס, דער אויטאָריטעט פון אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס האָט נאָך ניט געקענט זיין גרויס. דאָס נאַציאָנאַלע איז געבליעבען נאָך איניגע יאָהר דאָס אַליין הערשענדע אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס, מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער עפענטליכער מיינונג האָט מען זיך נאָך ווייניג גערעכענט.

אַנדערס האָט געקאָנט ווערען ערשט נאָך דעם, ווי דער בעשטאַנד פון קאָנגרעס איז געוואָרען איינהייטליכער, ערשט נאָך דעם ווי די אַנאַרכיסטען — וועלכע שטעלען פאַר אַ גאַנץ אַנדערע, פּרינציפּיעל פערשיעדענע, וועלט-אַנשויאונג, זענען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון די קאָנגרעסען. דאָס איז געשעהן אין צוריך אין 1893. דאָרט איז אויך געמאַכט געוואָרען די פּראָבע נעהענטער און טיעפער אַריינצודרינגען אין די פראַגען פון טאַקטיק, אין די פּראָבלעמען, וועגען וועלכע עס הערשען שאַרפערע מיינונגספערשיעדענהייטען. די פראַגע: ווי זאָל מען זיך פערהאַלטען אין פאַל פון אַ קריעג צ. ב. (די זעלבע פראַגע, וועלכע האָט אויפ'ן לעצטען שטוטגאַרטער קאָנגרעס געשפּיעלט אַזאַ וויכטיגע ראָלע) האָט דאַמאָלס שוין אויפגעדעקט דעם טיעפען אונטערשייד צווישען די מיינונגען פון די דייטשען און פון די פאָרשטעהער פון אַנדערע נאַציאָנען.

אין אַזוי איז געגאַנגען ווייטער אין ווייטער. „פון קאָנגרעס צו

קאָנגרעס איז געוואָרען אין יעדער ריכטונג בעסער. ברוסעל 1891, צוריך 1893, לאָנדאָן 1896, פּאַריז 1900, אַמסטערדאַם 1904 דאָס זענען די עטאַפּען, דורך וועלכע דער אינטערנאַציאָנאַל איז דורכגעגאַנגען זינט 1889 יאָהר".

וואָס איז געוועזען דער רעזולטאַט פֿון דיזער לאַנגער ענטוויקלונג? ביי וועלכען פּונקט געפֿינט זיך איצט דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציאָנאַל אויף זיין וועג צו פֿעראייניגונג?

בעבעל געפֿינט, אַז די „הויפּט־זאַך" בעשטעהט אין פֿאָלגענדעם: „היינט עקסיסטירט צווישען די קלאַסענבעוואוסטע אַרבייטער פֿון דער גאַנצער קולטורעלער וועלט אַ איינגקייט און אַ איינהייט איבער דאָס געמיינזאַמע ציעל און איבער די וועגען צום ציעל".

ווען מען זאָל אַפילו אַראָבוואַרפֿען פֿון וואָנשאָל דעם לעצטען זאַץ, „די איינהייט איבער די וועגען צום ציעל", און עס אַרויפּשטעלען אויף דעם חשבון פֿון בעבעל'ס יום־טוב'דיגע שטימונג ערב דעם קאָנגרעס און פֿון זיין טיעפֿען, אונבעגרענצטען גלויבען, דאָך בלייבט נאָך איבער זעהר פֿיעל. עס איז קלאָר, אַז „דאָס געמיינזאַמע ציעל" איז, לכל הדעות, ביי די קלאַסענבעוואוסטע אַרבייטער פֿון דער גאַנצער וועלט איינער. און אַז בעת די פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער פֿערזאַמלען זיך, פֿערשפּאָרען זיי אָנצוהויבען זיך צונויפּצורעדען, וואוהין מען דאַרף געהן; די איינצעלנע פֿראַגע איז פֿאַר זיי דאַן: וואָס דאַרף מען טהאָן, כדי צו קומען ווייטער אויף דעם וועג צו פּראָלעטאַרישער בעפֿרייאונג, צום סאָציאַליזם?

אָבער אויך דאָ דאַרפֿען זיי ניט אָנפֿאַנגען פֿון אָנהויב. אויך פֿאַר די פּראַקטישע אַלגעמיינע, איינהייטליכע פֿערענטפֿערונג פֿון די ברענענדע פּראָבלעמען איז שוין פֿיעל געטהאָן געוואָרען, אָבוואָל נאָך ווייט ניט אַלץ.

דער ענגלענדער דזשיימס מאַקדאָנאַלד, וועמען קיין מענש אין דער וועלט קען ניט חושד זיין, אַז ער איז צו „רויט", צו ראַדיקאַל און דערפֿאַר צו אָפּטימיסטיש בנוגע צו די ערפֿאָלגען פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, שרייבט אַזוי: „מיר דאַכט זיך, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע בעוועגונג האָט איצט דערגרייכט דעם פּונקט, וואו זי קען פּראַקטיש אָרגאַניזירט ווערען. די קאָנגרעסען פֿון צוריך, לאָנדאָן און פּאַריז זענען געוועזען דעמאָנסטראַציאָנען... מיר פֿלעגען זיך צונויפּקומען, כדי אָבצוזינגען אינטערנאַציאָנאַלע הימנען און דערנאָך זיך פֿאַנאַנדערצוגעהן... אין אַמסטערדאַם האָבען מיר געהאַט אַ איבערגאַנגס־קאָנגרעס. די בעוועגונג איז שוין געוועזען בעפֿעסטיגט.

נאטירליך איז געלעגען פאר אונז איין גרויסע פראגע: די פראגע פון דער פאליטיק, די מעטאדען פון טאקטיק... איינינע נאציאנען האבען געהאט פערשידענע מיינונגען וועגען די טאקטיק. און וואס האט געקענט זיין פאסענדער, ווי צו פאדערען פון אינטערנאציאנאלען קאנגרעס א געזעץ איבער דיזע פראגען?

„די טעאריע, אז דער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס איז די ערשטע געזעצגעבענדע אויטאריטעט פאר די סאציאליסטישע בעוועגונג, איז געוועזען זעהר אנגענעמע און נאר ווייניגע צווישען אונז זענען געוועזען טאפפער גענוג, אין אמסטערדאם געגען איהר ארויסצוטרעטען.

פון אמסטערדאם אן האט זיך די בעוועגונג פיעל ענטוויקעלט. דאס אינטערנאציאנאלע ביורא האט געווירקט פיעל טיעפער און האט די פעלקער געהאלטען בעסער אין צוזאמענהאנג איינע מיט די אנדערע"...

א דייטשעס פארטיי־בלאט, דאס „פאלקס־בלאט" פון האלע זאגט כמעט דאס זעלבע: „דער סך הכל פון די ביז איצטיגע אינטערנאציאנאלע קאנגרעסען בעשטעהט קודם כל אין דעם, וואס די פערטרעטער פון די פערשידענע נאציאנען און דערמיט די נאציאנען אליין, האבען נעהענטער זיך בעקאנט איינע מיט די אנדערע; די פערשידענע מיינונגען האבען זיך אויסגעגליכען אין די אידעע פון אינטערנאציאנאליטעט דאבען ווי איבערזעצט אין טהאטען. מען האט געלערנט צו פערשטעהן די פערשידענהייטען פון די איינצעלנע לענדער און דאס מוז אלעמען בריינגען נוצען אויף די וויטערדיגע קאנגרעסען".

אנאנדער דייטשער פארטיי־ארגאן, דער האמבורגער „עכא", כאראקטעריזירט די לאגע ערב שטוטגארט קורץ און שארף: „פון דער עפאכע פון צוזאמענפעסטיגען די כחות, דארף דער אינטערנאציאנאל איצט אריבער אין די עפאכע פון דירעקטע, פראקטישע ווירקונג".

דאס זעלבע זאגט וואנדערוועלדע: „דער אינטערנאציאנאל איז ניט מעהר נאר א פעראייניגונג פון פארטייען, ער ווערט אלץ מעהר און מעהר א פערבינדונג פון אלע כחות פון די ארבייטער, וועלכע שטעהען אין קאמפף פאר די בעפרייאונג".

דער אינטערנאציאנאל האט טיעף איינגעדרונגען אין לעבען פון די איינצעלנע נאציאנאלע פארטייען. ער האט אלץ מעהר און מעהר געוואונען איינפלוס און בעדייטונג, ער איז געווארען דער העכסטער אויטאריטעט, און זיין אויטאריטעט האט ער גענומען ארויס־

זאָגען איבער ברענענדע פֿראַגען. דאָס איז זעהר, זעהר אַ גרויסער פֿאָרשריט, זעהר אַ בעדייטענדער טריט פֿאָרווערטס פֿאַר די פּראָלעטאַרישע בעוועגונג.

אָבער וואָס מעהר דער אינטערנאַציאָנאַל האָט גענומען זיך פֿרווערבען ריכטע און מאַכט, בעדייטונג און איינפֿלוס, אַלץ נויטיגער איז געוואָרען זיך קלאָר צונויפֿצורעדען, גענוי צו בעשטימען די גרענעצען צווישען דעם נאַציאָנאַלען און אינטערנאַציאָנאַלען: וואו ענדיגט זיך די אויטאָנאָמיע פֿון די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען און וואו הויבט זיך אָן די רעכטס־ספֿערע פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל?

אַז דער אינטערנאַציאָנאַל וויל ניט הערשען, וויל ניט פֿאַרגעוואַלטיגען, ניט מושטרעווען די איינצעלנע פּאַרטייען, דאָס איז זעלבסטפֿערשטענדליך. שווער איז אָבער הויכצופֿיהרען די גרענץ־ליניע צווישען די ביידע ספֿערען. מען קען זאָגען, אַז דיזע פּראָבלעם איז אין איהר פֿולער געשטאַלט ארויסגעטראָטען ערשט ערב שטוטגאַרט, וואָרום ביז שטוטגאַרט איז עס געווען מעהר אַ טעאָרעטישע איידער אַ פּראַקטישע פֿראַגע. ערשט ערב שטוטגאַרט, ווען מען האָט געזעהן, אַז די מאַכט און אויטאָריטעט פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל האָט דערגרייכט שוין זעהר אַ הויכע מדרגה, ערשט דאַן, ווען מען האָט זיך איבערצייגט, אַז די אַלע בעשלוסען, וואָס וועלען דאָרט אָנגענומען ווערען איבער די ברענענדע פֿראַגען, וואָס שטעהען דאָרטען פֿאַר, וועלען ניט פֿערבלייבען אויפֿ'ן פּאַפּיר, נאָר אויסגעפֿיהרט ווערען אין לעבען, ערשט דאַן האָט מען זיך גענומען ערנסטער צו דעם דאָזיגען פּראָבלעם.

און גענומען האָט מען זיך פֿאַר איהם פֿון אַלע זייטען, פֿון ראַדיקאַלער און אָפּאָרטוניסטישער זייט, און געקומען איז מען צו פֿערשיעדענע רעזולטאַטען.

איהר אַרטיקעל וועגען דעם קאָנגרעס אין שטוטגאַרט הויבט די „נייע צייט“ אָן פֿון דיזער פֿראַגע:

„די אינטערנאַציאָנאַליטעט פֿון פּראָלעטאַריאַט איז שטענדיג לעבעדיג — הויבט די „נייע צייט“ אָן איהר רעדאַקציאָנעלען אַרטיקעל. — דיזע אינטערנאַציאָנאַליטעט בעדייט ניט, ווי מען מיינט אַזוי אָפֿט אויבערפֿלעכליך, אַז דאָס איז עפּעס אַ מין צוגאָב, וועלכער פֿערקלענערט, אָדער זאָגאַר פֿערניכטעט דעם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין. פֿערקעהרט, זי איז באמת נאָר דער רעזולטאַט פֿון דעם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין, וועלכעס איז ביים פּראָלעטאַריאַט אַ גאַנץ אַנדערער איידער ביי אַלע אַנדערע קלאַסען. ווען מען זאָל קוקען פֿון שטאַנדפּונקט

פֿון נאַציאָנאַלער בעטראַכטונג, בעשטעהט די היסטאָרישע אויפֿגאַבע פֿון פּראָלעטאַריאַט ערשט אין דעם, צו שאַפֿען די איינהייט און די זעלבסטבעשטימונג פֿון דער נאַציאָן און דורך דעם צו מאַכען די נאַציאָנאַלע קולטור, וועלכע איז ביז איצט געווען די פּריווילעגיע פֿון די הערשענדע קלאַסען, פֿאַר דעם אַלגעמיינעם אייגענטום פֿון גאַנצען פֿאָלק.

אָבער די ערפֿילונג פֿון דיזער נאַציאָנאַלער מיסיאָן, זעצט פֿאָראויס די אָבשאַפֿונג פֿון די קלאַסענהערשאַפֿט, וועמעס ווערקצייג עס איז דער בורזשואַזער קלאַסענשטאַאַט... דיזער קלאַסענשטאַאַט איז מיט דעם פֿאָרשריט פֿון קאַפּיטאַליזם געוואָרען אַ קאָנקורענץ-מיטעל פֿון דער בורזשואַזיע, וועלכע איז צוטיילט דורך שטאַאַט און נאַציאָן. עס איז דערפֿאַר נאַטירליך, אַז דאָס נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין פֿון איין בורזשואַזיע ענטהאַלט אין זיך אַלס וויכטיגען עלעמענט דעם געגענזאַץ צום נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין פֿון דער אַנדערער בורזשואַזיע...

„דער פּראָלעטאַריאַט איז אָבער אַ געגנער פֿון דעם בורזשואַזען שטאַאַט, און זיין שנאה צו דעם דאָזיגען שטאַאַט פֿערשטאַרקט זיך, וואָס מעהר די בורזשואַזיע בענוצט די מאַכט פֿון שטאַאַט אָפֿענער און דירעקטער אין דיענסט פֿאַר איהרע אייגענע אינטערעסען. דאָס, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט איז געטיילט אין פֿערשידענע שטאַאַטען, בעדייט ניט, דאָס ער פֿיהלט זיך צוטיילט. און פּונקט אַזוי ווייניג געגענזעצע קומען אַרויס פֿון דעם נאַציאָנאַלען אידעאַל פֿון פּראָלעטאַריאַט צווישען זיין אייגענעם קלאַס. דער אידעאַל איז דאָך פֿאַר׳ן גאַנצען פּראָלעטאַריאַט דער זעלבער, ווייל ער קומט פֿון זיין קלאַסענלאַגע און ער שטעלט איינע געגען די אַנדערע ניט די פּראָלעטאַריער פֿון פֿערשידענע לענדער, נאָר אין יעדען לאַנד—דעם פּראָלעטאַריאַט געגען די בורזשואַזיע. און די ערפֿילונג פֿון אַ נאַציאָנאַלען אידעאַל הענגט דאָך אָב פֿון דער דערגרייכונג פֿון אַלגעמיינעם אידעאַל ד. ה. פֿון דער פֿערניכטונג פֿון קלאַסענהערשאַפֿט...

„די אינטערעסען-אחדות פֿון קעמפֿפֿענדען פּראָלעטאַריאַט מאַכט מעגליך צו קרוינען זיין נאַציאָנאַלע אידעע דורך די אידעע פֿון אינטערנאַציאָנאַליטעט. די אינטערנאַציאָנאַליטעט איז אויף אַזאַ אופֿן דער אויסדריק פֿון פּראָלעטאַרישער אחדות און זי ווייזט זיך אַלץ מעהר אַרויס, וואָס מעהר עס פֿערשאַרפֿט זיך דער קאַמפֿף פֿון פּראָלעטאַריאַט. דער קאַמפֿף איז אָבער צוגלייך אַ פּאָליטישער און מוז געפֿיהרט ווערען אין די ראַהמען פֿון יעדער שטאַאַט... וואָס

שאַרפֿער עס איז דער געגענזאַץ צווישען פּראָלעטאַריאַט און די הערשענדע קלאַסען אין יעדער לאַנד, אַלץ לעבעדיגער ווערט דער געפֿיהל פֿון אינטערנאַציאָנאַלער אַחדות, וועלכער פֿערבינדעט די פּראָלעטאַריער פֿון אַלע לענדער...

„דערמיט ערקלערט זיך, פֿאַר וואָס עס וואַקסט אַלץ מעהר די בעדייטונג פֿון די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען אין זייערע אויפֿגאַבען... דער נייער אינטערנאַציאָנאַל איז די צוזאַמענפֿאַסונג פֿון דער ערפֿאַהרונג, וועלכע מען בעקומט פֿון די איינצעל־שלאַכטען אין פּראָלעטאַרישען קאַמפּף. דער נייער אינטערנאַציאָנאַל האָט אַלס גאַראַנטיע פֿאַר די אויטאָריטעט פֿון איהרע בעשלוסען די ערפֿאַהרונג פֿון דער פּראָלעטאַרישער פּראַקטיק פֿון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

דערפֿון קען מען שוין ממילא פֿערשטעהן, וועלכע פֿאָרמען אין וועלכען אינהאַלט עס דאַרפֿען האָבען די בעשלוסען פֿון אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס און וואָס פֿאַר אַ בעדייטונג ער דאַרף האָבען פֿאַר די קאָנגרעסען פֿון די איינצעלנע לענדער. דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס נעמט אַרויס דאָס, וואָס איז *געמיינזאַם* פֿאַר אַלע פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען און ברענגט דערמיט צום אויסדרוק די *איינהייט* פֿון פּראָלעטאַרישען קאַמפּף. ווייל ער בענוגענט זיך מיט דעם געמיינזאַמען, לאָזט ער איבער פֿאַר די נאַציאָנאַלע אָבטיילונגען די נויטיגע פֿרייהייט זיי זאָלען קענען זיך רעכענען מיט די בעזונדערע היסטאָרישע און פּאָליטישע אומשטענדען פֿון יעדער לאַנד. דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס אַליין דריקט נאָר אויס דאָס אַלגעמיינע, דאָס פּרינציפּיעלע פֿון דער בעוועגונג".

אָט אַזוי ערקלערט די פֿראַגע „די נייע צייט". עהנליך דריקט זיך אויס אויך קאַוטסקי פֿערזענליך אין זיין נייסטער בראָשור „פּאַטריאָטיזם און סאָציאַלדעמאָקראַטיע". „דעם פּאַטריאָטיזם פֿון פּראָלעטאַריאַט — זאָגט ער — פֿעהלט פֿון אָנפֿאַנג אָן יעדע פֿיינדליכקייט געגען אַנדערע נאַציאָנען... די העכסטע פּראָדוקטיוויטעט פֿון דער אַרבייט, וועלכע איז די פֿאָרבעדינגונג צו זיין בעפֿרייאונג, קען ניט דערגרייכט ווערען דורך דעם, וואָס די ווירטשאַפֿט וועט זיין בעגרענצט אין דער אייגענער מלוכה. זי פֿאָדערט ביי דעם היינטיגען צושטאַנד פֿון דער טעכניק פֿון דער וועלט־ווירטשאַפֿט, אַז אַלע פֿעלקער פֿון דער וועלט זאָלען אַרבייטען צוזאַמען. אויף אַזאַ אופֿן שליסט דער פּאַטריאָטיזם פֿון פּראָלעטאַריאַט אין זיך *דעם געדאַנקען פֿון אינטערנאַציאָנאַלען באָלידאַריטעט*".

אין אַן אַרטיקעל: „צו זענען נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל געגענזעצע?“ שטעלט אויך אויגוסט בעבעל די פֿראַגע ערבֿ דעם שטוטגאַרטער קאָנגרעס. זײַן ענטפֿער לויטעט:

„בעצם איז הײַנט שוין יעדער קולטורמענש אַ פּאַרטײַטעהער פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם. וואָס מיר עסען און טרינקען, מיט וואָס מיר קלײדען זיך און פֿילען אָן אונזערע וואָהנונגען, וואָס מיר ווײַסען און קענען, דאָס אַלץ איז צום גרויסען טײל אַ פּראָדוקט פֿון אינטערנאַציאָנאַלען פֿערקעהר און אינטערנאַציאָנאַלער טהעטיגקײט... מיר שטעהען אין מיטען פֿון אַ גרויסאַרטיגער אינטערנאַציאָנאַלער ענטוויקלונג... אויך די קאַפּיטאַליסטען און זייערע אָנהענגער, וועלכע האָבען אין אַנדערע גענומען דעם פּאַטריאָטיזם און הערען ניט אויף צו גײַכען מיט פֿאָטערלאַנד־ליעבע, זענען פּראַקטיש אויך אַנטי־פּאַטריאָטיש און אָהן אַ פֿאָטערלאַנד. וואו זייער געלד געפֿינט זיך, דאָרט איז אויך זייער האַרץ...

„געגען דיזער אינטערנאַציאָנאַלער אויסבויטונג פֿון די אַרבײַטער דורך דעם קאַפּיטאַליסטען־קלאַס פֿון פֿערשידענע לענדער, איז דער אינטערנאַציאָנאַלער צוזאַמענשלוס פֿון די אַרבײַטער צום געמײַנזאַמען קאַמפּף אַן אַייזערנע נויטווענדיגקײַט. נאָר דיזער צוזאַמענשלוס ניט ווי די מיטלען אין האַנד נאַציאָנאַל און איבער־נאַציאָנאַל צו קעמפֿען פֿאַר זייער בעפֿרײַאונג.

„די אויפֿגאַבע פֿון דעם אַרבײַטערקלאַס פֿון אַלע קולטורעלע לענדער איז צו דער זעלבער צײַט נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל. אין דער אייגענער נאַציאָן און אייגענער היימאַטלאַנד קעמפֿען זיי פֿאַר די דורכפֿיהרונג פֿון מיטלען און אײַנריכטונגען, וועלכע זאָלען פֿערבעסערן זייער לעבענסלאַגע און זאָל זיי געבען די מעגליכקײַט צו בעפֿרידיגען זייערע העכערע קולטור־בעדירפֿניסע און סוף כל סוף מאַכען מעגליך די גלײַכבערעכטיגונג און די סאָציאַלע גלײַכשטעלונג פֿון אַלעמען. די זעלבע שטרעבונגען מוזען זיי דורכפֿיהרען אויך אויפֿ'ן אינטערנאַציאָנאַלעם באָדען, וואָרום נאָר דורך דעם אַלײַן קען גאַראַנטירט און געזיכערט ווערן, אַז די פֿערבעסערונגען אין איינעם לאַנד זאָלען זיך האַלטען לאַנג און האָבען אַ קיום.

„נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל זענען אַלזאָ ניט קײן בעגריפֿען און שטרעבונגען, וועלכע שליסען אויס איינע די אַנדערע, נאָר וועלכע זענען ממלא איינע די אַנדערע“.

עהנליך דריקט זיך אויס אויך דער נײַסטער סאָציאַליסטישער אויטאָריטעט אין דיזע פֿראַגען דער פֿערפֿאַסער פֿון „די נאַציאָנאַ־

ליטעטס-פראגע און די סאציאלדעמאקראטיע"—אטא בויער: „דער אינטערנאציאנאליזם פון דער צייטיגער, אויסגעוואקסענער ארבייטער-בעוועגונג איז אין הויך פיעל אנדערש, איידער דער נאיווער קאסמאפאליטיזם פון איהר ערשטער יוגענד-צייט. זי וויל מעהר ניט לייקענען דעם פאקט, אז די נאציאנען זענען פערשידען; די נאציאנאליטעט איז פאר איהר שוין ניט מעהר קיין „בורזשואזער פאראורטייל". איהר פאליטיק איז געבויט אויף דער קלארער איבערצייגונג, אז די אינטערעסען פון דער אייגענער נאציאן קענען ניט אנדערש בעשיצט ווערען, ווי נאר דורך דעם, וואס מען העלפט דעם קאמפף פון די ארבייטער פון אנדערע נאציאנען. דיזער אינטערנאציאנאליזם קומט ארויס ניט מעהר פון דעם געדאנקען פון הומאניטעט, זאנדערן פון דער סאלידאריטעט פון דעם ארבייטער-קלאס".

אין פלוג זאגען, דאכט זיך, די „נייע צייט" און קויטסקי פון איין זייט און בעבעל און אטא בויער פון דער אנדערער זייט—איינס און דאס זעלבע: דער אינטערנאציאנאליזם פון פראלעטאריאט איז א פועל-יוצא פון זיין קלאסענלאגע אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. ער איז דער אויסדרוק פון זיין קלאסען-אחדות.

דאך די „נייע צייט" זאגט אויסערדעם נאך וואס. זי דרינגט אריין טיעפער אין דער פראבלעם. זי בעריהרט אויך די נייסטע פראגע, די גרענעצען פון ביידע און זוכט דורכצופיהרען א קלארע שיידונגס-ליניע צווישען ביידענס ספערען פון איינפלוס און מאכט.

דאס טהוט אויך דער פיהרער פון דער „סאשאל דעמאקראטיק פעדערעישען" אין ענגלאנד, קוועלטש.

„מיר, ענגלענדער—שרייבט ער—ערווארטען פון קאנגרעס די אלגעמיינע ריכטליניען, דירעקטיווען פאר די סאציאליסטישע פאליטיק פון די פארטייען פון אלע לענדער. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז די טאקטיק, אין וועלכע יעדעס לאנד דארף זיך האלטען, ווערט בעשטימט דורך די בעזונדערע אומשטענדען פון יעדעם לאנד און מוז זיך ענדערן צוזאמען מיט די אומשטענדען. מען קען פון קאנגרעס דערפאר ניט דערלאנגען, דאס ער זאל פעסטשטעלען א בעשטימטע טאקטיק. ער קען אבער אנווייזען די הויפטליניען, אין וועלכע די פארטייען זאלען זיך דארפען האלטען אין זייער טאקטיק".

„דאס אלגעמיינע, פרינציפיעלע", ערווארט די „נייע צייט" פון קאנגרעס. „אלגעמיינע דירעקטיווען", „ריכטליניען", ערווארט דער ראדיקאלער קוועלטש. פאר זיי, פאר די ראדיקאלע ריכטונג אין דער

סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז קלאָר, אַז אין געוויסע גרענעצען, אויף דעם געביעט פֿון אַלגעמיינע, גרויסע פּראָבלעמען איז דער אינטערנאַציאָנאַל — דער העכסטער אויטאָריטעט. און מיר האָבען געזעהן: די גאַנצע ענטוויקלונג פֿון דער סאָציאַליסטישער בעוועגונג פֿיהרט דערצו.

אַנדערש פֿערהאַלט זיך דער אָפּאָרטוניסטיש-רעוויזיאָניסטישער פֿליגעל פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע צו די אויפֿגאַבען און ראָלע פֿון קאָנגרעס. זיי, די „פּראַקטיקער“, די פֿייערדיגע פֿערטיידיגער פֿון „קליין אַרבייט“, האָבען מורא פֿאַר אַלגעמיינע פּרינציפּיעלע בעשלוסען. זיי ווילען אויך דעם אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס דערפֿאַר ניט איבערגעבען קיין צו גרויסע מאַכט, קיין צו שטאַרקען אויטאָריטעט.

איינע פֿון די פֿערברייטעסטע דייטשע געווערקשאַפֿטליכע צייטונגען, די „מעטאַל-אַרבייטער צייטונג“, (געדרוקט אין 372,400 עקזעמפּלאַרען, אַנאָנסירט זי), וועלכע איז שוין ממילא רעוויזיאָניסטיש, ווייל זי איז אַ געווערקשאַפֿטליכע צייטונג, שרייבט: „מיר האָבען שוין לאַנג געלערנט, אַז... אויך דער קאַמפּף פֿון די אַרבייטענדע שיכטען פֿאַר זייער בעפֿרייאונג קען דורכגעפֿיהרט ווערן נאָר אינטערנאַציאָנאַל, אָבער ניט אין דעם זין, דאָס פֿון איין צענטראַל-שטעל זאָלען די מאַסען אויף קאָמאַנדע און נאָך איין מעטאָדע אין בעוועגונג געזעצט ווערען, נאָר פֿיעל-מעהר אין דעם זין, דאָס יעדער אַרמייקאָרפּוס פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרמיי זאָל אויף זיין טעריטאָריע זעהען צו דערגרייכען מעגליכסט גרויסע ערפֿאָלגען און דיזע וועלן שוין זיין נוצליך אויך פֿאַר אַנדערע“. און די צייטונג „האָפֿט, אַז דער קאָנגרעס אין שטוטגאַרט וועט קלאָר און אונצוויידייטיג זיך שטעלען אויפֿ'ן באָדען פֿון טהאַטזאַכען און וועט ניט אָננעהמען קיין בעשלוסען אויף גרונד פֿון סענטימענטאַלע דעקלאַמאַציעס“.

דער אָרגאַן פֿון סאַמען רעכטען רעוויזיאָניזם אין דייטשלאַנד, די „נייע געזעלשאַפֿט“ שרייבט: „עס איז ניט לייכט צו זאָגען, ווי אַ אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קאָנגרעס דאַרף זיין. פֿיעל לייכטער קען מען זאָגען וואָס ער דאַרף ניט זיין. ער דאַרף ניט זיין קיין דעמאָנסטראַציאָן בלויז; און פּונקט אַזוי דאַרף ער ניט זיין קיין פֿיעלקעפּיגער פּאַפּסט, וועלכער זאָגט אַרויס נייע עקרים און גיט אַרויס באַפֿעהלען צו ערפֿילען.

„צווישען די שתי-הקצות ליגט דער געביעט פֿון זיין ניצליכער ווירקונג, וועלכע בעשטעהט אין דעם, דאָס מען זאָל זיך צונויפֿרעדען, און פֿרייוויליג בעשטימען געמיינזאַמע האַנדלונגען. די בע-

שלוסען דאַרפֿען זײַן פֿון אַזאַ סאָרט, דאָס קײַן ווילכטיגער טייל פֿון דער בעוועגונג זאָל ניט זײַן געצוואונגען געגען זײַן ווילען. מען מעג צווייפֿלען, צו אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנען דאַרפֿען גאָר אויסגעפֿיהרט ווערען צוליעב די פפליכט פֿון דעמאָקראַטישע מאָטיווען פֿון די יעניגע וועלכע, קענענדיג בעסער און גרינדליכער די פֿערהעלטניסע, געפֿינען דיזע רעוואָלוציאָנען פֿאַר שעדליך".

דער צווייטער מאַקדאָנאַלד, וועלכען מיר האָבען שוין דערמאָנט, געדט נאָך ווייטער אין זײַן בעשרענקונג פֿון די מאַכט און אויטאָריטעט פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל.—אין זײַן אַרטיקעל אין די „סאָציאַליסטישע מאָנאַטסהעפֿטע" שרײַבט ער: „אַלץ צילעוועט דערצו, אַז דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליזם זאָל געטריבען ווערן דורך נאַציאָנאַלע קאַנאַלען. דער פּאַרלאַמענטאַרישער סאָציאַליזם מוז געטריבען ווערען פֿאָרווערטס דורך די נאַציאָנאַלע געשיכטע... די טעות'ן פֿון דער ליבעראַלער עפּאָכע זענען התראות פֿאַר די סאָציאַליסטען, וועמעס אינטערנאַציאָנאַליזם איז פֿון זעלבען מעטאַפֿיזישען און אוטאָפּיסטישען סאָרט, ווי זײַן פֿריהערדיגען ליבעראַליזם. דיזער פּונקט דאַרף שטאַרק בעטאָנט ווערען, אויב מען וויל, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען זאָלען בעדײַטען פֿאָרשריט ניט שטערונגען. וואָס פֿאַר אַ משוגעת וואָלט עס געווען, צום בײַשפּיעל, צו פֿערלאַנגען, אַז דײַטשלאַנד, די פֿעראייניגטע שטאַאטען און גרויסבריטאַניען זאָלען זיך איינינגען אויף אַ געמיינזאַמע סאָציאַליסטישע פּאָליטיק! „וועלכע שטעלע האָט דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס צו פֿערנעמען? ער וועט בלײַבען שטענדיג ווילכטיג, אַלס מיטעל צוזאַמענצוברענגען די פֿיהרער פֿון דער בעוועגונג אין די פֿערשידענע לענדער: פּערזענליכע בעקאַנטשאַפֿט קען ניט גענוג אָפּגעשאַצט ווערען אַלס מיטעל צו האַלטען פֿריעדען אין דער בעוועגונג און איהר צו ברענגען פֿאָרווערטס. דורך דעם קאָנגרעס און דורך די מעגליכקײַטען איינע מיט די אַנדערע זיך צו בײַטען מיט ערפֿאַהרונגען און בעריכטען, בלײַבט די בעוועגונג אינטערנאַציאָנאַל. מיר האָבען איצט נויטיג אַ ווירקענדע אינטערנאַציאָנאַלע פּרעסביוראָ, וואָס זאָל מיטטיילען ידיעות וועגען אַלע סאָציאַליסטישע פּלענער, פּראָבעס און ז. וו. אין הינטערגרונד פֿון דיזער אינטערנאַציאָנאַלער טהעטיגקײַט, זאָל דער קאָנגרעס שטעהן... דער קאָנגרעס זאָל אויך געבען די געלעגענהײַט זיך צו בעראַטהען און אַרויסצוזאָגען מיינונגען. איבער נאַציאָנאַלע

פּראָבלעמען קען מען גאַנץ גוט דיסקוטירען... אָבער קיין רעזאָלוציאָנען דאַרף מען ניט אָננעמען, ווען זיי קענען שאַדען געוויסע אַבטיילונגען.״

אַט אַזוֹי זעהן מיר נאָך האַרט פאַר שטוטגאַרט צוויי גאַנץ פערשיעדענע מיינונגען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער וועלט איבער די בעציהונגען צווישען נאַציאָנאַל און אינטערנאַציאָנאַל; די שיידונגס-ליניע ווערט פון די רעוויזיאָניסטען גאַנץ אַנדערש געצויגען איידער פון די ראַדיקאַלען.

ווער פון זיי האָט רעכט? צי איז דער אינטערנאַציאָנאַל שוין היינט געוואָרען אין געוויסע פראַגען דער העכסטער אויטאָריטעט ביים פּראָלעטאַריאַט? צי דאַרף ער זיך אַריינמישען אַקטיוו אין די גרויסע פּראָבלעמען? צי דאַרף ער פיהרען און קאָנטראָלירען די בעוועגונג?

מיר זענען איי דער פראַגע מסכים מיט דעם ראַדיקאַלען פליגעל אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. מיר זענען איבערצייגט, אַז פאַר די פרייהייט און די זעלבסטשטענדיגקייט פון די איינצעלנע פּאַרטייען איז גאָר ניטאָ אַזוי וואָס מורא צו האָבען. אויף ווי ווייט זייערע שטרעבונגען און טהאַטען געפינען זיך אין הסכם מיט די אינטערעסען און פאָדערונגען פונ'ם וועלט-פּראָלעטאַריאַט און דעם פאָרשריט פון סאָציאַליזם, בלייבט פאַר זיי אַ גרויסע פעלד פון פרייהייט און אייגענער איניציאַטיוו. אין טאָמער וועט אַ איינצעלנע לאַנדס-פּאַרטיי, צוליעב קליינליכע און פאַלשע חשבונות אָבווייכען אָן אַ זייט און געהן געגען די פּרינציפּען, איז טאַקע בעסער, אַז זי זאָל זיין אַ ביסעל בעשרענקט אין דער זאָרט „פרייהייט״. אַ שיינעם ביישפּיעל האָבען מיר געהאַט אין דער עמיגראַציאָנס-פראַגען. די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען האָט זיך געדאַכט, אַז כדי צו קענען געפינען חן ביי אַמעריקאַנער אַרבייטער, דאַרף מען שיטען זאַלץ אויף פייער פון זיין שנאה צו די עמיגראַנטען. וואָס וואָלט געווען דער רעזולטאַט, ווען מען וואָלט זיי ניט געוואָלט שטערען אין זייער „פרייהייט״? זיי וואָלטען דעם סאָציאַליזם דורך דעם פערשוואַרצט און זיך זיכער קיין טובה ניט געטהאָן, בלייבענדיג שטעקען אין זומפּ פון פּאַראָרטהיילען. ווען דער שטוטגאַרטער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס האָט זיין ווילען אַרויסגעזאָגט, האָט דער זעלבער פאָרשטעהער פון די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטען, היל קוויט, געפונען פאַר מעגליך שוין דאָ אויף אָנ׳אָרט צו ערקלערען אין נאָמען פון זיינע חברים, אַז נישקשה, זיי וועלען קענען לעבען און

אגיטירען אויך זיך האלטענדיג און נייעם, פרייהייטליכען בעשלוס און האפען צו האבען אויך דערמיט ערפאלג. די אמעריקאנער חברים האבען געלערנט און געקראגען א פעולה דערביי.

דער איין ביישפיעל ווייזט, ווי נויטיג עס איז אפט אן אויבערשטער אלגעמיינער אויטאריטעט. דאסזעלבע האט פאסירט אין נאך פיעל דראמאטישער פארם אין אמסטערדאם נאך דעם בעשלוס וועגען פעראייניגונג פון די סאציאליסטישע פארטייען אין פראנקרייך. עס איז אונמעגליך, האבען געשריען ביידע צדדים. עס איז געשעהן, האט געענטפערט דער קאנגרעס. און עס איז געשעהן און געבראכט אזוינע גרויסע נוצען דעם אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט.

און דערפאר מיינען מיר, אז דער אינטערנאציאנאל מוז אויך קענען האבען א פיעל טיעפערע בעדייטונג, פיעל ברייטערע אויפגאבען, א פיעל העכערן אויטאריטעט, איידער עס ווילען איהר שיינקען די פארשטעהער פון אפארטוניזם און די אויטאפיכטען פון פראקטישער קליינארבייט.

אבער צי איז עס מעגליך אין לעבען? צי שטערט עס ניט די איינצעלנע נאציאנען? צי פיהלען זיי זיך ניט געדריקט דורך דעם אינטערנאציאנאל?

## צווייטער קאפיטעל.

# דאס נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע אין שטוטגארט.

שטוטגארט האט אויף דעם געגעבען א קלארע תשובה.

דאס פראבלעם, וועלכעס מיר האבען בעהאנדעלט אין פאריגען קאפיטעל: די בעציהונגען און די גרענעץ-ליניען צווישען נאציאנאל און אינטערנאציאנאל, איז אויפ'ן שטוטגארטער קאנגרעס אפיציעל ניט בעהאנדעלט געווארען. די טאגעס-ארדנונג פון שטוטגארטער קאנגרעס איז בעשטאנען פון פינף פראגען, וועלכע זענען אלע צוגלייך אונטערזוכט און דיסקוטירט געווארען אין קאמיסיאנען (צו 2 ביז 4 מיטגליעדער האט יעדע נאציאן געקאנט שיקען אין יעדע פון די קאמיסיאנען), און איינע נאך די אנדערע, נאכהער בעהאנדעלט געווארען אויף די גענעראל-פערזאמלונגען (פלענום) פון קאנגרעס. איבער יעדע פון זיי זענען אנגענומען געווארען בעשטימטע רעזאלוציאנען. בירושה דעם נעכטען קאנגרעס אין קאפענהאגען איז קיין פראגע ניט איבערגעלאזען געווארען.

די פינף פראגען זענען נאך דער רייהע נאך:

1) קאלאניאל-פאליטיק.

2) פרויענוואהלרעכט.

3) די בעציהונגען צווישען די פאליטישע פארטייען און געווערקשאפטען.

4) איינוואנדערונג און אויסוואנדערונג.

5) דער מיליטאריזם און אינטערנאציאנאלע קאנפליקטען.

דאס פראבלעם, וועלכעס אינטערעסירט אונז איצט, איז אפיציעל אלזא אויפ'ן שטוטגארטער קאנגרעס ניט פערהאנדעלט געווא-

רען. און דאָך האָט שטוטגאַרט געגעבען אַ קלאָרען, אַ איבערצייגענדען ענטפער אויף איהם. און דער ענטפער לויטעט: אַ שטאַרקער, מעכטיגער, איינהייטליכער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס זאָל האָבען דעם אויטאָריטעט, די ווירקונג און דעם אויבערשטען קאָנטראָל איבער די פערשיעדענע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען, וועלכע זענען דאָך בעצם אָבטהיילונגען (סעקציאָנען) פון איהם, קאָרפּוסען פון דער איינער און איינהייטליכער גרויסער פּראָלעטאַריש-סאָציאַליסטישער אַרמעע, איז ניט נור מעגליך, ער איז שוין פאַראַן. ער עקזיסטירט שוין און זיין איינפלוס איז גרויס, זיין אויטאָריטעט — מעכטיג. אָבער ניט קוקענדיג אויף דעם, האָבען די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען ניט פערלאָרען ניט זייער פרייהייט, ניט זייער זעלבסטשטענדיגקייט, ניט קיין שום ברעקעל פון זייער אויטאָנאָמיע און איניציאַטיוו. נאָך מעהר, די נאַציאָנאַלע פּאַרטייען פיהלען זיך גאָר ניט געדריקט, אונטערטהעניג, געמוסטרעוועט. זיי געהאָרכען, ווייל זיי איבערצייגען זיך; זיי פאָלגען, ווייל זיי אַכטען דעם אינטערנאַציאָנאַל.

דאָס אינטערנאַציאָנאַלע איז אַרויס טריאומפירענד אין שטוטגאַרט. אויף יעדען טריט, ביי יעדער פראַגע האָט מען געקאָנט זעהן זיין מאַכט, זיין איינפלוס, פיהלען זיין אויטאָריטעט.

אָנגעהויבען האָבען זיך זיינע טריאומפען נאָך פאַר די ערעפנונג פון די זיצונגען. דער קליינער קבוץ פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, דאָס אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ האָט אָנגענומען אַ ריידע פון בעשלוסען, וועלכע האָבען געמאַכט אַ גרויסען שטריך איבער די פלענער און בעשלוסען פון איינצעלנע נאַציאָנאַלע פּאַרטייען. די פערטהיילונג פון די שטימען צווישען די פערשיעדענע לענדער און דאָס צווישען די פערשיעדענע פּאַרטייען אין יענע לענדער, וואו עס זענען דאָ פערשיעדענע פּאַרטייען, האָט אַ סך אומזיכטע, אונגערעכטע פּרעטענזיעס און האָפנונגען ביטער צוקלאַפּט. און מיט אויטאָריטעט האָט דאָס ביוראָ ביי דער געלעגענהייט געמאַכט אַ סוף צו, אָפט זעהר שטאַרקע, רייסערייען אין די נאַציאָנאַלע סעקציאָנען גופא (ספּעציעל צווישען די צוויי אָבטהיילונגען פון דער רוסישער סעקציאָן).

די פערטהיילונג פון די שטימען איז גאָר ניט אַזאַ לייכטע און איינפאַכע זאַך, ווי עס קען זיך אויסדוכטען פון וויטען. דער האָללענדישער פיהרער, וואַן-קאָל שרייבט וועגען דעם: „אַ אידעאַלע לעזונג פון דער פראַגע, ווי מען זאָל אָבשטימען אויף אונזערע אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען, איז בכלל ניט צו געפינען”. און באמת

זענען די פּרינציפּען, וועלכע דאָס ביוראָ האָט אויפֿגעשטעלט, נאָך נים גאַנץ בעפֿרידיגענד. זיי לויטען נעמליך: „אַלס נאַציאָנאַליטעטען זאָ־רען בעטראַכט די בעפֿעלקערונגס־מאַסען, וועלכע לעבען אונטער דער זעלבער רעגירונג. דאָך וועט דאָס ביוראָ אויך, — אָבער נאָר אין אויסנאַהמס־פֿאַלען און אונטער דער בעדינגונג, אַז דורך דעם זאָל נים געענדערט ווערען די פֿערהעלטניס פֿון דער צאָהל שטימען פֿון די איינצעלנע סעקציאָנען, — בעטראַכטען און צולאָזען אַלס נאַציאָ־נען אויך אַזוינע גרופּען פֿון איינוואָהנער, וועמעס שטרעבען נאָך זעלבסטשטענדיגקייט און וועמעס גייסטיגע איינהייט מען קען בעט־ראַכטען אַלס אַ רעזולטאַט פֿון לאַנגאָנהאַלטענדע היסטאָרישע טראַ־דיציאָנען, אָבוואָהל זיי זענען אָבהייניג פֿון איינער אָדער פֿערשיע־דענע רעגירונגען". און ווייטער: „יעדע נאַציאָנאַלע סעקציאָן בעקומט פֿון 2 ביז 20 שטימען. די צאָהל שטימען ווערט פֿעסטגע־שטעלט: 1) נאָך די צאָהל פֿון די צאָהלענדע מיטגליעדער, 2) נאָך דער שטאַרקייט פֿון די סאָציאַליסטישע געווערקשאַפֿטען און גענאָ־סענשאַפֿטען, 3) נאָך דער בעדייטונג פֿון דער נאַציאָנאַליטעט און 4) נאָך דער פּאָליטישער מאַכט פֿון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אָדער פּאַרטייען"*).

דיזע בעשטימונגען האָבען דעם חסרון, וואָס זיי האַלטען די נאַציאָנען נאָך אַליץ צופֿיעל משועבד צו דער מלוכה. נים בלויז ביי דער צולאָזונג פֿון נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען קוקט מען איך זיי מיט אַ בליק, וואָס איז פֿול פֿון מיסטרויען און חשד, נאָך

*) די פֿערטיילונג פֿון די שטימען איז פֿאָלגענדע:

צו 20 שטימען בעקומען: דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פֿראַנקרייך, עסטרייך — בעהמען, רוסלאַנד (דערפֿון די ס"ד 10, די ס"ר 7, די פּראָפּ. פֿעראיינען 3).

| | | | |
|---|---|---|---|
| 5 נאַציאָנען צו 20 — | | | 100 |
| 15 שטימען — | איטאַליען | 1 | 15 |
| 14 " — | פֿעראיינ. שט. פֿון אַמעריקע | 1 | 14 |
| 12 " — | בעלגיען | 1 | 12 |
| צו 10 " — | דענעמאַרק, פּוילען, שווייץ | 3 | 30 |
| 8 " — | האָלאַנד, שוועדען, פֿינלאַנד, אויסטראַליען | 4 | 32 |
| 6 " — | נאָרוועגען, שפּאַניען, אונגאַרן | 3 | 18 |
| 4 " — | אַרגענטינען, בולגאַריען, יאַפּאַן, רומעניען סערביען, זיד־אַפֿריקאַ | 6 | 24 |
| 2 " — | לוקסעמבורג | | 2 |
| סך הכל נאַציאָנען | | 25 | שטימען — 247 |

אויך נאכהער שטעלט מען די נאציאנען אין אוננארמאלע אונטערטהעניגקייט אונטער דער לאנדעס-סעקציאן. דאס ריכטיגערע און גערעכטערע פערהעלטעניס וואלט דאך געווען פאר לאנדעס-סעקציאנען א פעראייניגונג, א בונד, א פעדעראציאן פון זיי. אנשטאט דעם קומט אויס די קלענערע נאציאנען אריינצוגעהן אין די סעקציאן מיט אנדערע ווערטער, אין די הערשענדע נאציאן.

אויך ביי דער פראגע וועגען צולאזונג פון נייע פארטייען און נאציאנען צו דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער משפחה האט דער קלייגער אינטערנאציאנאל, דאס ביורא, בעקומען ניט בלויז א געוויסע מאכט, נאר, וואס פיעל וויכטיגער איז, א גרויסען אויטאריטעט. דאס האט זיך בעזונדערס קלאר אויסגעדריקט אין דעם בעשלוס פון אינטערנאציאנאלען ביורא וועגען די צולאזונג פון די צוויי אידישע פארטייען: די סיימיסטען (אידישע סאציאליסטישע ארבייטער-פארטיי) און די ס. ס. (ציוניסטען-סאציאליסטען), א בעשלוס, וועלכער איז אנגענומען געווארען געגען דעם איינשטימיגען בעשלוס פון דער דעלעגאציאן אין דעם צענטראל-קאמיטעט פון דער רוססישער סאציאלדעמאקראטישער פארטיי.

די סיימיסטען האבען כאטש געהאט א רייכען פעטער, די ס.-ר., וועלכע האבען זיי אריינגענומען אין דער משפחה.. וויכטיג איז דער בעשלוס וועגען די ס.-ס. דא האט דאס ביורא געגעבען אנ'ארט א פארטיי, וועלכע האט ניט געפונען קיין קרוב און קיין גואל. און דאס האט עס געטהון, ניט קוקענדיג אויף די שטרענגע רעזאלוציאן פון דעם צ"ק פון דער ר. ס. ד. א. פ. און אויף דעם הארטען בעשלוס געגען דעב פון דער ס.-ד.ישער דעלעגאציאן.

אויף דער פראגע: „נו וואס זאגט איהר אויף דעם בעשלוס? האט איינער פון די עלטעסטע פיהרער פון זייער רוססישער סאציאלדעמאקראטיע געגעבען דעם זעהר כאראקטעריסטישען ענטפער: „עס איז גאר ניט צו מאכען". דער „ניטשעוואָ ניע פאדעלאיעש" ווייזט, ווי ווייט איינגעווארצעלט ס'איז שוין דער אויטאריטעט פון דעם אינטערנאציאנאל. מען טראכט אפילו ניט געגען א בעשלוס פון דעם אינטערנאציאנאל ארויסצוטרעטען.

נאר איין איינצעלנער פראטעסט האט זיך אויף דער גענעראל-פערזאמלונג פון קאנגרעס געהערט געגען א בעשלוס פון דעם אינטערנאציאנאלען ביורא. דאס איז געווען דינסטאג, דעם 20-טען. עס האבען פראטעסטירט א טייל פון די ענגלישע דעלעגירטע געגען דעם, וואס דאס ביורא האט זיך ענטזאגט איבערצו-

מאַכֿען די צולאָזונגס־בעדינגונגען אויף אַזאַ אופֿן, אַז די ענגלישע אַרבייטער־פּאַרטיי, וועלכע ערקענט אָפֿיציעל ניט אָן דעם סאָציאַליזם, זאָל קענען זיין פֿערטרעטען אויפֿ'ן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנגרעס.

אונזער בעקאַנטער מאַק־דאָנאַלד פֿון דער „אונאַבהענגיגער אַרבייטער־פּאַרטיי“ האָט אויך זיך גענומען די מיטאָן צו זיין דער מליץ־יושר פֿאַר די אַרבייטער־פּאַרטיי. דאָס איינציגע, וואָס מאַק־דאָנאַלד האָט געקאָנט ברענגען צו איבערציינגען דעם קאָנגרעס, אַז די אַרבייטער־פּאַרטיי געהערט יאָ צו דער סאָציאַליסטישער משפחה „אַלס פֿאָלבערעכטיגטער מיטגליעד“, איז געווען דאָס, וואָס דיזע פּאַרטיי האָט אָנגעגעבען די פֿערזיכערונג, אַז זי וועט זיין אַן אַרבייטער־פּאַרטיי, פֿאָלשטענדיג אונאַבהענגיג פֿון די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרטייען און זעלבסטשטענדיג“.

אַז אַזאַ אַרט פֿערטיידיגונג איז צו ווייניג, דאָס האָט, ווי עס ווייזט אויס, מאַק־דאָנאַלד אַליין אויך געפֿיהלט און דערפֿאַר איז זיין פֿאָרשלאַג געווען ניט אַז מען זאָל שוין צולאָזען די אַרבייטער־פּאַרטיי, נאָר אַז „מען זאָל רעקאָמענדירען דעם ביוראָ, נאָך אַמאָל בעטראַכטען די פֿראַגע צוזאַמען מיט די ענגלישע גענאָסען“.

„די ענגלישע גענאָסען“ פֿון דער „סאָציאַלדעמאָקראַטישער פֿעדעראַציאָן“, קוועלטש און אירווינג האָבען אָבער געבראַכט אַ שטאַרקען אָנקלאַגע מאַטעריאַל געגען די לייבאָר־פּאַרטיי. „מיר האָבען גאָרנישט געגען צולאָזונג פֿון וועלכער עס איז אַ סעקציאָן — האָט קוועלטש געטענה'ט. אָבער קיינער דאַרף ניט אַרויסטרעטען אונטער אַ פֿאַלשען פֿלאַג. מיר האָבען געפֿרעגט אין ענגלאַנד די לייבאָר־פּאַרטיי צי איז זי סאָציאַליסטיש? און זי האָט געענטפֿערט: „ניין“: זי ענטזאַגט זיך זאָגאָר פֿון רעפֿאָרמען, וועלכע וואָלטען קענען פֿיהרען צום ציעל פֿון סאָציאַליזם, צו דער פֿאָלקאָמענער בעפֿרייאונג פֿון די אַרבייטער פֿון יעדער אויסבויטונג. זי איז אַן אויסגעצייכענטע אַרבייטער־פּאַרטיי, אָבער זי זאָגט אויסדריקליך און אָפֿען, אַז זי איז ניט קיין סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. מיר ווילען קיינעם ניט אַריינלייגען אין חרם. מיר גלויבען יעדען דעלעגאַט, וועלכער ערקלערט, אַז ער איז אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט. מיר אונטערזוכען קיינעמס מאָטיווען ניט. אָבער מיר פֿאָדערן ער זאָל זיך ערקלערען פֿאַר אַ סאָציאַליסט. און ענדערן די סטאַטוטען פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל

צוליעב א גרופע, וואס וויל שווימען אונטער א פאלשען פלאג, דאס קענען מיר ניט.“

דער צווייטער רעדנער פון די ס. ד. פ., אירווינג, האט נאך מעהר דירעקטע קלאגען געבראכט געגען די ארבייטער-פארטיי און זאגאר געגען איהר מליץ-יושר. דא האט זיך אבער איינגעשטעלט פאר די לייבאר-פארטי, דער פרעזידענט פון אינטערנאציאנאלען ביורא, עמיל וואנדערוועלד.

געריעדט האט ער אפילו אין זיין אייגענעם נאמען. אבער ער האט ערקלערט, אז ער האט דערווייל געהאט א פריוואט געשפרעך מיט אייניגע מיטגליעדער פון ביורא. זיי זענען אלע איינשטימיג אין דער מיינונג, אז פון ענדערן די סטאטוטען קען קיין רעד ניט זיין. אבער זיי גלויבען, אז די לייבאר-פארטי וועט קענען ערפילען די בעדינגונגען, וועלכע זענען נויטיג כדי אויפגענומען צו ווערען. „יעדענפאלס איז דאס ביורא געריים צו זוכען א מיטעל, ווי עס איז צו קענען זיך צונויפקומען מיט דער לייבאר-פארטי“.

זעלבסטפערשטענדליך, אז נאך אזא ערקלערונג וואנדערוועלד'ס, איז מאק-דאנאלד'ס פארשלאג אנגענומען געווארען און זאגאר איינשטימיג.

כדי דער לעזער זאל זיך ניט דארפען וואונדערן: פון וואנען קומט אזא פארט פריינדליכע שטימונג צו א פארטיי, וואס וויל ניט וויסען פון סאציאליזם, וועלען מיר בעמערקען, אז די לייבאר-פארטיי האט בעקומען ביי די וואהלען איבער 300 טויזענד שטימען אין דער צייט, ווען די „סאציאל דעמאקראטיק פעדערייש'אן“ האט בעקומען נאר 29,810 שטימען. די לייבאר-פארטיי האט 32 דעפוטאטען און א דאנק איהר זענען אויך 7 דעפוטאטען פון דער סאציאליסטישער „אינדעפענדענט לייבאר-פארטי“ (מאק-דאנאלד בתוכם) אויך אריין אין פארלאמענט. די „סאציאל דעמאקראטיק פעדערייש'אן“, וועלכע איז געגאנגען בעזונדער און ארויסגעשטעלט קאנדידאטען נאר אליין, איז עד היום ניט געווען בכח דורכצופיהרען קיין איין איינציגען דעפוטאט. די לייבאר-פארטיי שפיעלט א גרויסע, וויכטיגע ראלע אין פאליטישען לעבען פון ענגלאנד. איהר זיעג איז אויך דער ערעפנונגס-זיצונג פון זעלבען שטוטגארטער קאנגרעס געפייערט געווארען פון ביידע סעקט-רעדנער, סיי פון בעבעל'ן, סיי פון וואנדערוועלד'ן.

---

די ערעפֿנונג פֿון קאָנגרעס, בײַ װעלכער עס זענען געװעזן אַלע פֿאָרשטעהער פֿון די 25 נאַציאָנען און דערצו נאָך אַ גרױסע אינטערנאַציאָנאַלע מחנה פֿון געסט און אַ רעכטער אינטערנאַציאָנאַלער אָטריאַד פֿון דער פּרעסע, האָט געטראָגען זעהר אַ פֿײַערליכען כאַראַקטער. דער צוזאַמענבונד פֿון אַלע נאַציאָנען האָט זיך שוין געפֿיהלט בײַ דער ערשטער זיצונג. שוין דאַן האָט דער גרױסער, פּרעכטיגער זאַל פֿון דער „ליעדערהאַלע" ענטהאַלטען אין זיך ניט קײן ערב רב פֿון פֿעלקער, ראַסען און שפּראַכען, נאָר אַ קבוץ, אַ גרױסען פֿאַמיליען־צוזאַמענפֿאָהר*). דער גײַסט פֿון סאָציאַליזם, דאָס געפֿיהל פֿון פּראָלעטאַרישער אחדות האָט געשװעבט איבער אַלעמען, האָט אַלעמען פֿעראײניגט און צוזאַמענגעבונדען.

און צו דיזער גײַסטיגער נאָהענטקײט, צו דיזער מאָראַלישער פֿעראײניגונג איז אין פֿערלױף פֿון די אײניגע טעג פֿון קאָנגרעס צוגעקומען נאָך אַן אינערליכע פֿערזענליכע אחדות. די דעלעגאַטען האָבען זיך אין דעם קורצען פּעריאָד צוזאַמענגעלעבט, און צוזאַמענגעקלעבט אײנע מיט די אַנדערע. עס איז מערקװירדיג געװעזן צו זעהן װי ליכט, װי אײנפֿאַך צװישען סאָציאַליסטען פֿון אַלע שפּראַכען און אַלער נאַציאָנען זענען אָבגעשלאָסען נאָהענטע בעקאַנטשאַפֿט און זאָגאַר אַ געװיסער זאָרט פֿרײַנדשאַפֿט. דער געװעהנליכער מיסטרױען, די אױספֿאָרשונגס־בליקען, װעלכע בעגלײַטען, געװעהנליך, יעדע נײַע בעקאַנטשאַפֿט, האָבען דאָ אינגאַנצען געפֿעהלט. עס איז געװעזן אַ בעגעגעניש פֿון קרובים, װעלכע זענען כּי װי סײַ בײַ אַלע אומשטענדען פֿערבונדען דורך אַ גאַנצע רײהע פֿון פֿעדים.

---

**די ריכטיגע ליסטע פֿון די אַנװעזענדע דעלעגאַטען איז פֿאָלגענדע:**

| | | | |
|---|---|---|---|
| אַרגענטיניען | 3 | אונגאַרן | 25 |
| אױסטראַליע | 1 | איטאַליען | 13 |
| דײַטשלאַנד | 289 | יאַפּאַן | 1 |
| עסטרײַך | 75 | נאָרװעגען | 8 |
| בעהמען | 41 | רומעניען | 34 |
| בעלגיען | 27 | רוסלאַנד (ס"ד) | 29 |
| בולגאַריען | 5 | „ (ס"ר) | 14 |
| דענעמאַרק | 17 | פּױלען (פּ. פּ. ס.) | 18 |
| פֿעראײניגטע שטאַאַטען | 22 | „ (פּ. ס. ד.) | 2 |
| שפּאַניען | 6 | שװעדען | 19 |
| פֿראַנקרײַך | 78 | שװײץ | 21 |
| פֿינלאַנד | 2 | זיד־אַפֿריקאַ | 1 |
| גרױסבריטאַניען | 123 | סערביען | 1 |
| האָלאַנד | 9 | צוזאַמען — | 488 |

דאָך אפילו לאָזענדיג אָן אַ זייט די סענטימענטאַלע פערזענליכע געפיהלען און שטימונגען (אויב מען קען עס רופען סענטימענטאַל) און אורטיילענדיג נאָר נאָך די פאַקטען: נאָך די פערהאַנדלונגען, רעדען און בעשלוסען, מוז מען אויך אַנערקענען, אַז אין שטוטגאַרט האָט דער אינטערנאַציאָנאַל געמאַכט אַ געוואַלטיגען מהלך פאָרווערטס אויף דעם וועג פון ענגען צוזאַמענבונד און צוזאַמענגעהן פון די איינצעלנע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אונטער זיין קאָנטראָלע און אויטאָריטעט.

פון די פינף פראַגען, וועלכע זענען אין שטוטגאַרט פערהאַנדעלט געוואָרען, זענען פיער בעשלאָסען געוואָרען כמעט איינשטימיג. און זאָגאַר די איין פראַגע (קאָלאָניאַל-פּאָליטיק), ביי וועלכער די שטימען האָבען זיך צוטיילט אין צוויי כמעט גלייכע טיילען, האָט ניט געקאָנט פיעל פערקלענערען אָדער אָבשוואַכען דעם איינדרוק פון אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, ווייל די טיילונג איז דערביי פאָרגעקומען ניט אַזוי נאָך דער נאַציאָנאַלער ליניע, ווי, הויפּטזעכליך, נאָך דער ליניע פון ראַדיקאַליזם און רעוויזיאָניזם. דאָס ווייזט אַם בעסטען די ליסטע פון דער אָבשטימונג. דייטשלאַנד האָט אַפילו געשטימט געשלאָסען אין אַנפאַנג געגען דעם בעשלוס, וועלכער איז אָנגענומען געוואָרען, און נאָכהער פאַר איהם, אָבער עס זענען געווען די דייטשע ר[illegible]דנער: לעדעבור און בעזונדערס קויטסקי, וועלכע האָבען דעם בעשלוס אַריבערגעטראָגען אויף זייערע פּלייצעס און איהם געמאַכט פון אַ בעשלוס פון דער מינדערהייט אין דער קאָמיסיאָן, צו אַ בעשלוס פון דער מעהרהייט אויפ'ן קאָנגרעס. פראַנקרייך האָט געשטימט געטיילט: 12 געגען 8. געטיילט האָט אויך געשטימט ענגלאַנד: 14 געגען 6. דאָסזעלבע איז געווען מיט איטאַליען: 4 געגען 11. און דעם איבעריגעוויכט האָבען געגעבען די „קליינע", אָדער „אינגערע" נאַציאָנען, אויך הויפּטזעכליך, ווייל זיי שטעהען פאַר'ן ראַדיקאַליזם. ניט ווייל זייערע בעזונדערע נאַציאָנאַלע אינטערעסען פאָדערן עס.

אַם מייסטען האָט זיך אויסגעדריקט דער אויטאָריטעט און דער איינפלוס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל אין דעם, וואָס אין דער פראַגע, וואו די געגענזעצע זענען געווען אַזוי שאַרף, און אַזוי שניידענד, — אין דער פראַגע וועגען מיליטאַריזם און נאַציאָנאַלע קאָנפליקטען, האָט מען ביסלעכווייז דאָך געפונען אַ וועג צו קומען צו אַ איינהייטליכען, זאָגאַר איינשטימיגען בעשלוס. די שטאָלצע, מעכטיגע דייטשע פּאַרטיי, — ווי אַזוי האָט זי זיך סוף כל סוף דאָך

געבליבען אין זאַ פֿונדאַמענטאַלער פֿראַגע: געװיס, די רעזאָלוציאָן װעגען דיזער פֿראַגע טראָגט אַלע סימנים פֿון אַ קאָמפּראָמיס. אָבער, אַז אַזאַ קאָמפּראָמיס זאָל קענען דורכגעפֿיהרט װערען, איז נויטיג געװעזען אַ גרױסער, מעכטיגער אױטאָריטעטער אינטערנאַציאָנאַל. אַז אין דער אײַנװאַנדערונגס־פֿראַגע, װאו די אַמעריקאַנער זענען געשלאָגען געװאָרען, האָבען זײ זיך נאָך פֿאַר דעם בעשלוס געאײַלט אין גאַנצען צו קאַפּיטולירען און זיך אונטערגעבען אונטער דעם װילען פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל, דאָס איז שױן דערמאָנט געװעזען פֿריהער.

דאָס אינטערנאַציאָנאַל האָט טריאומפֿירט אין שטוטגאַרט. און דאָך װאָלט געװען אַ טעות צו מײנען, אַז דאָס נאַציאָנאַלע איז שטיפֿמוטעריש בעהאַנדעלט געװאָרען דאָרט, אַז מען האָט דאָרט װיפֿיעל עס איז געװאָלט אַרונטערמאַכען, פֿערקלענערען די בעדײַטונג פֿון נאַציאָנאַליטעטען און פֿון נאַציאָנאַלע געפֿיהלען און שטרעבונגען.

פֿערקעהרט, עס איז כמעט ניט געװען נאָך אַ סאָציאַליסטישער קאָנגרעס, װאו די נאַציאָנאַליטעטען, די נאַציאָנאַלע געפֿיהלען, די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען זאָלען מיט אַזױ פֿיעל ליעבע און װאַרימקײַט געפּרײדיגט און זאָגאַר בעזונגען װערען, װי אין שטוטגאַרט. בײַ פֿערשיעדענע געלעגענהײַטען, פֿון פֿערשיעדענע אױטאָריטעטען האָבען זיך געהערט אין שטוטגאַרט לױב־געזאַנגען צו דאָס „נאַציאָנאַלע“ ניט בלױז אין דער סאָציאַליסטישער בעװעגונג, נאָר צום נאַציאָנאַליזם בכלל.

אין זײַן ערשטער, גרױסער רעדע אין די מיליטער־קאָמיסיאָן האָט בעבעל בעריהרט די „נאַציאָנאַלע פֿראַגע“. און אָט װאָס ער האָט געזאָגט: „עס איז איבערהױפּט ניט קײן פֿראַגע, װעמען געהערט דאָס פֿאָטערלאַנד. *דאָס גאַנצע קולטור־לעבען ענטװיקעלט זיך דאָך נאָר אױף דעם פֿונדאַמענט פֿון מוטער־שפּראַך, אױף דעם באָדען פֿון נאַציאָן.* קוקט זיך אײַן אױף עסטרײַך, קוקט אױף דעם קאַמפּף פֿון די פּױלען פֿאַר זײער נאַציאָנאַלע װידעראױפֿלעבונג. *אױך אין רוסלאַנד װעט די נאַציאָנאַליטעטען־פֿראַגע נאָך אַ מאָל ערװאַכען* (ראָזאַ לוקסעמבורג פּראָטעסטירט). יעדעס פֿאָלק, װעלכעס לעבט אונטער פֿרעמדער הערשאַפֿט, אַפֿילו װען יענע הערשאַפֿט ברײַנגט איהם װאָהלטהאַטען, הױבט זיך אױף מיט זײַן גאַנצער מאַסע צום פֿרײַהײַטס־קאַמפּף און לאָזט איבער אַלע אַנדערע ציעלען.

.... הערווע'ס געדאַנק, אַז פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט איז גאַנץ גלייך: צי פראַנקרייך וועט עראָבערן דייטשלאַנד, אָדער דייטשלאַנד — פראַנקרייך, איז אַ משוגעת (אַבּסורד) (לעבהאַפטע צושטימונג. צורוף: עס איז אַפילו קיין געדאַנק ניט! געלעכטער). יאָ, מען קען עס זיך גאָר ניט פאָרשטעלען. טאָמער וועט איהר פּראַקטיש דיזע לעהרע פּראָבירען, הערווע? אייערע אייגענע פאָלקס-גענאָסען וועלען אייך מיט די פיס צוטרעטען"!

בעבעל'ס רעדע איז דאָך אַ לויב-געזאַנג פאַר דעם נאַציאָנאַליזם, די צושטימונג צו די ווערטער זענען ניט ווייניגער בעלעהרענד. און ראָזאַ לוקסעמבורג'ס פּראָטעסט געגען זיין בעהויפּטונג, אַז „די נאַציאָנאַלע פראַגע וועט נאָך אין רוסלאַנד ערוואַכען" ווייזט נאָר, אַז זי, די האַלב-רוסין, האַלב-אידין, האַלב-פוילין, פערשטעהט ווייניגער די לאַגע אין רוסלאַנד, איידער דער גענעראַל-פיהרער פון דער דייטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

דער אַלטער פראַנצויזישער קעמפּפער, וואַיאַן, האָט זיך אויסגעדריקט אין דערזעלבער קאָמיסיאָן: „די נאַציאָנען זענען ניט בלויז נוצליכע, נאָר זאָגאַר נויטווענדיגע עלעמענטען אין דער מענשליכער ענטוויקלונג".

נאָך איהם איז געקומען זשאָרעס און נאָך אין פיעל הייסערע ווערטער געפייערט די בעדייטונג פון דער נאַציאָן. „דאָס פאָטערלאַנד וויל הערווע צושטערען — האָט זשאָרעס געזאָגט — ווי אַ מאָל דער קוים געוועקטער פּראָלעטאַריער-צאָרן פלעגט צוברעכען די מאַשינען. מיר ווילען, דאָס פאָטערלאַנד און די פּראָדוקציאָנס-מיטלען סאָציאַליזירען צום נוצען פאַר דעם פּראָלעטאַריאַט. דען די נאַציאָן איז אַ הויז פול אוצרות פון מענשליכער גאונות און פאָרשריט און עס וואָלט זעהר שלעכט געפּאַסט פאַרן פּראָלעטאַריאַט דיזע טייערע כלים פון מענשליכער קולטור צו צוברעכען".

דער איטאַליענער קאָסטאַ האָט בעמערקט: „איך רעד אים נאָמען פון דער מעהרהייט פון דער איטאַליענישער פּאַרטיי און געווערקשאַפטען. אָבוואָל מיר זענען ניט קיין פּאַטריאָטען אין בורזשואַזען זין, דאָך זענען מיר פּאַטריאָטען אין בעסטען סאָציאַליסטישען זין. און מיר ווילען ניט און קענען ניט זיך ענטזאַגען פון די שיינע און ערהאַבענע קולטורעלע אוצרות פון דער היימאַטה."

ביי דער פערהאַנדלונג פון דער קאָלאָניאַל-פראַגע איז די „נאַציאָנאַל-פראַגע" ווידער אַרויפגעשוואומען. דאָ, ווי אויך ביי דער

אויסוואַנדערונגס־פֿראַגע, איז ניט איין מאָל בעריהרט געוואָרען פֿון פֿערשיעדענע זייטען דאָס רעכט פֿון די קליינע, אונטערדריקטע, אָבגעשטאַנענע נאַציאָנען און ראַסען אויף זעלבשטענדיגקייט, אונאָבהענגיגקייט און גלייכבערעכטיגונג. פֿון דער רעוויזיאָניסטישער זייט אין דייטשלאַנד (בערנשטיין און דאַווידס) איז אַפֿילו געמאַכט געוואָרען אַ קליינע פּראָבע, צו וועלען אַנערקענען „דאָס רעכט אויף אָפּעקע" אויף די גאָר ווילדע שטאַמען; און פֿונ'ם אַמעריקאַנער הילקוויט און אויסטראַליער קרעמער איז געמאַכט געוואָרען די קליינע פּראָבע די „געלע ראַסע" אַוועקצושטעלען אין אַנ'אויסנאַמסלאַגע ביי דער איינוואַנדערונג. דאָך דיזע פּראָבעס האָבען אַרויסגערופֿען אַנ'אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד און ווידער אַמאָל איז די נאַציאָן זעהר הויך אַוועקגעשטעלט און געפֿייערט געוואָרען.

און אין זיין רעפֿעראַט וועגען די איינוואַנדערונגס־פֿראַגע האָט דער עסטרייכישער פֿידרער עלענבאָגען פֿאָלגענדעס געזאָגט וועגען די בעדייטונג פֿון נאַציאָנאַליטעט און וועגען די אויסגעוואַקסענע און אָבגעשטאַנענע נאַציאָנען: „וואָס איז שייך צו דעם, אַז עס זענען פֿאַראַן נאַציאָנען אָבגעשטאַנענע, נאָך ניט ערוואַקסען גענוג, האָבען מיר דאָך שטענדיג געזעהן, דאָס ווען איין נאַציאָן בעקומט, אַזוי צו זאָגען, ליכט, ווען זי הערט אויף צו זיין אָבגעשלאָסען פֿון דער קולטור, הויבט זי זיך אויף. און מען קען וועגען קיין נאַציאָן ניט זאָגען פֿאָראויס, אַז זי איז פֿערמשפּט צו בלייבען אָבגעשטאַנען.

„צווייטענס, די אַרבייטער פֿון יעדער איינצעלנער נאַציאָן דאַרפֿען די אינטערנאַציאָנאַלע אַחדות ניט אין דעם זין פֿערשטעהן, אַז זיי זענען מחויב זיך אָבזאָגען פֿון זייער נאַציאָן„ פֿערקעהרט, די אַרבייטער פֿון אַלע נאַציאָנען האָבען דאָס רעכט און די פּפֿליכט צו זיין צוגעבונדען צו די קולטור־אוצרות פֿון זייער אייגענער נאַציאָן מיט ליעבע און בעגייסטערונג (קולות: בראַוואָ!). זיי וועלען זייערע נאַציאָנאַלע בעזונדערהייטען מיט מעהר ליעבע היטען, ווען זיי וועלען וויסען דאָס אַ נאַציאָן קען ברינגען נוצען דעם כלל מעהר ווי אַלץ נאָר דאַן, ווען זי היט אָב די בעזונדערהייטען פֿון איהר קולטור. דאַן וועלען זיי האָבען אַזוי פֿיעל אַכטונג צו די בעזונדערהייטען פֿון אַנדערע נאַציאָנען, דאָס זיי וועלען האַלטען

פֿאר א פֿערברעכען זיי צו שטערען זיך אויפֿהויבען אויף העכערע קולטור מדרגות.

„דריטענס וואלט איך געוואלט זאגען, אז מען קען ניט געגוי אונטערשיידען, וועלכע נאציאן שטעהט העכער און וועלכע ניעדעריגער“.

זאהרון—אהרון הכיב, די לעצטע גרויסע רעדע אויפֿ'ן קאנגרעס, די רעדע פֿון וואנדערוועלד וועגען דער מיליטער-פֿראגע, וועלכע זיך מיט אזוי פֿיעל אויפֿמערקזאמקייט צוגעהערט געווארען און מיט אזא געוואלטיגער, איינשטימיגער בעגייסטערונג אנגענומען און צום איינשטימיגען בעשלוס געמאכט געווארען.

וואנדערוועלד האט ערקלערט: „איינשטימיג האבען מיר פֿעסטגעשטעלט, אז די אינטערנאציאנאלע אחדות איז די פֿפֿליכט פֿון די ארבייטער. דעם פרינציפ דארף איך ניט לאנג ערקלערען פֿאר א פֿערזאמלונג, וועלכע איז די לעבעדיגע פֿערקערפערונג פֿון קארל מארקס ווארט: „פראלעטאריער אלער לענדער פֿעראייניגט אייך!“ די פראלעטאריער האבען איבעראל די זעלבע פארטיי-און קלאסען-אינטערעסען, און וועלכען טייל פֿון דער ערד זיי זאלען ניט וואהנען, און זיי האבען מעהר געמיינשאפֿט און קרבות'שאפֿט איינע מיט די אנדערע, איידער מיט די איבעריגע קלאסען פֿון דעם לאנד, וואו זיי וואהנען.

„ווייטער זענען מיר געווען איינייג איבער דעם, וואס וואיאן אין בעבעל האבען אויף אזא וואונדערבאר-קלארען אופֿן ערקלערט אין זיינע רעדען, נעמליך, אז די פֿאראויסזעצונג פֿון אונזער אינטערנאציאנאליטעט גופֿא, איז די עקזיסטענץ פֿון פֿרייע, זעלבשטענדיגע נאציאנען.

„דער אינטערנאציאנאל פֿון די ארבייטער איז ניט קיין טויטע מאכע אהן גליעדערונג און גרופּירונג. זי איז א פֿרייע פֿעראייניגונג, אבער ניט נאר פֿון זעלבשטענדיגע שטאאטען. נאר אויך פֿון נאציאנען. דער אינטערנאציאנאל האט זיי אוועקגעגעבען זייער זעלבשטענדיגקייט, ווי די פּוילען צ. ב. (שטארקע אפלאדיסמענטען).

„מיר האבען אנערקענט, אז עס עקזיסטירט א פֿאלשטענדיגעס רעכט אויף נאציאנאלע גליעדערונג. מיר האבען עס געטהאן פֿיעל אפֿענער און עהרליכער, אלס א וועלכע סיניט איז בורזשואזע פארטיי האט דאס געקענט טהאן.

מיר ווייסען, אַז ניט קוקענדיג אויף די נאַציאָנאַלע געזינונג, מיט וועלכער אונזערע אַלעמענס נשמות זענען פול, וועלען די פראַנצויזישע בורזשואַזע צייטונגען ניט אויפהערען צו היפּען די דייטשע סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אַלס די איינציג נאַציאָנאַלע, און די דייטשע צייטונגען וועלען לויבען די פראַנצויזישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע פאַר וואָס זי אַליין איז צוגעבונדען צום פאָטערלאַנד. די דאָזיגע ווידערשפּרוכע צושטערן זיך אַליין. אין אונזער רעזאָלוציאָן זאָגט פון דאָס ניי אַרויס, אַז די עקזיסטענץ פון נאַציאָנען קען אַנערקענט ווערען אַלס נויטווענדיג, ניט אָפּשוואַכענדיג דערמיט דעם אינטערנאַציאָנאַלען צוזאַמענהאַנג פון די אַרבייטער: דער נויטווענדיגער רעזולטאַט פון אונזער איבערצייגונג איז געווען צו אַנערקענען, אַז יעדע נאַציאָן האָט רעכט צו פערטיידיגען איהר אומאַבהענגיגקייט קעגען יעדען אָנפאַל און אַז דיזעם רעכט קען מען ביי איהר אונטער קיינע אומשטענדען ניט אַוועקנעהמען".

מיר זעהען אַלזאָ: געראַדע אויף דעם קאָנגרעס, וואו דער אינטערנאַציאָנאַל איז דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה פון גלאַנץ, איינפלוס און אויטאָריטעט, געראַדע דאָרט איז די נאַציאָן, איהר בעדייטונג, איהר קולטורעלע ראָלע אַם שענסטען געפייערט און פערהייליגט געוואָרען. געראַדע דאָרט האָט די גאַנצע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַלדעמאָקראַטיע זיך אַזוי הויך, אַזוי בעגייסטערט ערקלערט אין ליעבע און געשוואָרען אין טרייהייט צו די נאַציאָנאַלע קולטורען און אַנערקענט פאַר הייליג די נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען און די נאַציאָנאַלע בעזונדערהייטען פון יעדער נאַציאָן.

דאָס אַזאַ זאַך איז געווען מעגליך, בעווייזט בעסער ווי אַלע אַרגומענטען און שענער ווי די גלענצענדסטע רעדען, אַז דער פּראָלעטאַרישער נאַציאָנאַליזם איז פון אַ גאַנץ אַנדער סאָרט אַלס דער בורזשואַזער, אַז ער איז ריינער, ערהאַבענער, מענשליכער.

פאַר דעם וועלט-פּראָלעטאַריאַט זענען נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם צוויי ענג צוזאַמענגעבונדענע און צוזאַמענגעהענדע, גייסטיג און מאָראַליש איינהייטליכע שטרעבונגען. אויף דיזע ביידע וועגען צוגלייך געהט דער פּראָלעטאַריאַט פאָרווערטס צו זיין געוויסען ציעל, צו אַלגעמיינער בעפרייאונג, צום סאָציאַליזם!

## דריטער קאפיטעל.

# די קאפיטאליסטישע קאלאניאל-פאליטיק.

אלע קאפיטאליסטישע שטאאטען האבען זיך איינע נאך די אנדערע אויפגעכאפט אויף'ן געיעג נאך קאלאניען. און פון יאהר צו יאהר ווערט דער געיעג אלץ ווילדער, אלץ געפעהרליכער. דער אפעטיט נאך קאלאניען ווערט אלץ גרעסער ביי די רעגירונגען און ביי די הערשענדע קלאסען. די מעגליכקייט קאלאניען צו בעקומען איז צו ערשבערן ווערט אבער אלץ שווערער. און דערווייל,— מיליאנען נאך מיליאנען מענשען ווערען בעראבעוועט פון זייער האב און גוטס, ווערען געקוילעט, געהרג'עט, געפייניגט און פערקנעכטעט, ווייל מען ערקלערט זיי פאר „ווילדע“, פאר „בארבארען“. און די גרויסע פאלקס-מאסען אין אלע „ציוויליזירטע“ לענדער מוזען אייגענע בלוט אין לעבען און די לעצטע פון זייערע שווער פערהארעוועטע גראשענס ברייגען יאהר איין יאהר אויס אויף'ן מזבח פון דיזער ווילדער פאליטיק פון רויב און מארד. זיי מוזען מיט זיך מקריב זיין, כדי אויסצוראטעווען אין פערטיליגען, אדער פייניגען און אונטערשלאגען אנדערע.

אויף'ן קאפיטאליסטישען לשון רופט מען דיזע רויב און מארד-ארבייט קאלאניאל-פאליטיק. און דיזע פאליטיק ווערט געבענשט און געהייליגט מיט דער ברכה פון „ציוויליזאטארישער מיסיאן“. און פון איהר ווערען ערווארטעט „גליקען“, ד. ה. גרויסע, גאר גרויסע פראפיטען פאר די הערשענדע קלאסען.

ווי שטעהט עס מיט דיזער קאפיטאליסטישער קאלאניאל-פאליטיק? ווי פיהרט זי זיך? וואס נעהמט זי און וואס גיט זי? וויפיעל קאסט זי און וויפיעל ברייגנט זי איין?

נאך מיט זיבען יאהר צוריק, אין יאהר 1900, האט דער

פאריזער אינטערנאציאנאלער קאנגרעס געבעטען די סאציאליסטישע פארטייען, זיי זאלען איבעראל, וואו עס לאזט זיך נאר, זיך בעשעפטיגען מיט דער פארשונג פון דער קאלאניאל-פראגע. צום קאנגרעס אין אמסטערדאם, אין יאהר 1904, זענען צוגעשטעלט געווארען 2 בעריכטען וועגען דער פראגע. אין זיין זיצונג פון 10-טען נאוועמבער 1900 האט דאס אינטערנאציאנאלע ביורא בעשלאסען צו בעטען די נאציאנאלע סעקציאנען פון די לענדער, וואס בעזיצען קאלאניען, אז זיי זאלען צוגרייטען צום שטוטגארטער קאנגרעס בעריכטען איבער די קאלאניען און ווי אזוי זיי ווערען עקספלואטירט.

אלס רעזולטאט זענען ערשיענען צום קאנגרעס בעריכטען: פון האלאנד, פון גרויס-בריטאניען, פון בעלגיען, פון פראנקרייך און פון דייטשלאנד. זיי ענטהאלטען פיעל בעלעהרענדע, פיעל מערקווירדיגע פאקטען. צוזאמען גיבען זיי א פאלשטענדיגען בילד פון דעם צושטאנד פון די קאלאניען און קענען דיענען אלס וועגווייזער ביי דער לעזונג פון דיזער ברענענדער פראבלעם.

אט נעמט פאר אונז ארויס האלאנד. (דער בעריכט, ריכטיגער, די עכט וויסענשאפטליכע אונטערזוכונג, איז געשריבען פון וואן קאל). קליין איז דאס לאנד, אבער גרויס איז זי אלס קאלאניאל-מלוכה. שוין א ערפאהרונג פון 300 יאהר האט האלאנד הינטער זיך אויף דיזעם געביעט. אין דער געשיכטע פון דער קאלאניאל-פאליטיק האט מען זאגאר שוין איינגעפיהרט א בעזונדערן האללענדישען פעריאד. דאמאלס, אין 16-טען יאהר-הונדערט, איז דאס קליינע לאנד געווען די הערשערין איבער די ימים און האט געהאט די גרעסטע שיפען און דעם גרעסטען האנדעל פון דער גאנצער וועלט.

דיזער גלאנץ-פעריאד האט אבער ניט לאנג געדויערט. פיעל האט האלאנד פערלארען פון איהרע קאלאניען און פון איהר מאכט און גרויסקייט. זי האט אבער אויך היינט נאך פיעל. אין צענטראל-אמעריקא (גיאנא און אינטילען) איז דער איינפלוס פון די האללענדישע קאלאניען ניט בעדייטענד. אין אסט-אינדיען אבער זענען איהרע קאלאניען נאך גרויס. ניט ווייניגער ווי 40 מיליאן איינוואהנער געפינען זיך נאך היינט אין די קאלאניען אונטער דער הערשאפט פון קליינעם האלאנד.

די האללענדישע קאלאניען האבען הינטער זיך א לאנגע געשיכטע. דיזע געשיכטע איז אבער דורך און דורך אויסגעווייקט פון רויב, עקספלואטאציאן און אכזריות. כמעט צוויי יאהרהונדערט

(פֿון 1602 ביז 1795) האָט א פּריוואַטע האַנדעלס-געזעלשאַפֿט, די אָסט-אינדישע געזעלשאַפֿט, געוועלטיגט איבער זיי. איהר איינציגער ציעל איז געוועזען פּראָפֿיט און עשירות. און כדי דאָס צו דערגרייכען האָט זי זיך פֿאַר קיין זאַך ניט אָבגעשטעלט. זי האָט געהאַט א מאָנאָפּאָל אויף דער האַנדעל דאָרט, און איהר מאָנאָפּאָל-לאַגע בענוצט אויסצוזויגען די קאָלאָניען. פֿאַר האָלאַנד האָבען די קאָלאָניען קיין גליק ניט געבראַכט; פֿאַר די קאָלאָניען אָבער איז עס געוועזען אַ קללה. אין יאָהר 1795 האָט די האָלענדישע רעגירונג אליין איבערגענומען די קאָלאָניען.

די האָלענדישע רעגירונג האָט זיך אויך געשטעלט איין ציעל: „וואָס מעהר נוצען פֿאַר'ן האָלענדישען האַנדעל און וואָס מעהר פּראָפֿיט פֿאַר די האָלענדישע פֿינאַנצען אַרויסצושלאָגען פֿון די קאָלאָניען“. די רעכטע און די אינטערעסען פֿון די איינגעבאָרענע האָט מען איינפֿאַך מיט די פֿיס געטראָטען.

מיליאָנען האָט האָלאַנד אויסגעפּרעסט פֿון די קאָלאָניען. אין ווייניגער ווי 35 יאָהר האָט מען אויסגעפּרעסט מעהר ווי 1620 מיליאָן פֿראַנק קאָלאָניאַל פּראָדוקטען. דאָס האָלענדישע פֿאָלק האָט אָבער ווייניג וואָס נוצען דערפֿון געהאַט. נאָר דער קעניג און זיין קליקע זענען רייך געוואָרען. ערשט די רעוואָלוציאָן פֿון 1848 האָט איבער-געגעבען די קאָלאָניען אין די הענד פֿון נייעם געזעצגעבער, אין די הענד פֿון בורזשואַזען פּאַרלאַמענט.

די בורזשואַזיע האָט זיך אויך גענומען צו דער אַרבייט פֿון עקספּלואַטאַציאָן און אויספּרעסונג, וועלכע זענען געוואָרען נאָך שווערליכער, נאָך גרויזאַמער אַלס פֿריהער. פֿון 1848 ביז 1877 האָט מען פֿון די קאָלאָניען אויסגעזויגען 1290 מיליאָן פֿאַר די הכנסות פֿון דער מלוכה. מען האָט אין האָלאַנד פֿערקויפֿט פֿאַר 4500 מיליאָן פּראָדוקטען פֿון די קאָלאָניען. אָבער וואָס ווייטער זענען די הכנסות געוואָרען אַלץ קלענער, אַלץ מאָגערער. און זאָגען עס איז געקומען סוף כל סוף צו א פֿאָלשטענדיגען באַנקראָט פֿון שטאַאַטס-פֿערמעגען אין די קאָלאָניען, און ווען עס איז שוין מעהר ניט געוועזען וואָס צו נעהמען, דאַן האָט מען זיך געכאַפּט פֿאַר א נייע סיסטעם פֿון הערשען איבער די קאָלאָניען, פֿאַר אַן „אַנשטענ-דיגע“, „מאָראַלישע“ קולטור-סיסטעם.

די אינטערעסען פֿון דעם קאַפּיטאַליסטען-קלאַס האָבען אויך
[illegible]
[illegible]

דאַרף ניט לאָזען די רעגירונג אַליין מעלקען. זיי האָבען אויך געוואָלט נעמען פֿערדינען אין די קאָלאָניען, מאַכען געשעפֿטען, אונטערנעמונגען מיט זייערע קאַפּיטאַלען, און דערצו איז נויטיג געווען מעהר פֿרייהייט דאָרט. באַלד האָבען טאַקע די פּריוואַט-אונטערנעהמונגען פֿערטריבען די רעגירונגס-פּלאַנטאַציעס אין יאַוואַ (די „מלכּות״ פֿון דער האָלענדישער רעגירונג). און עס איז קיין ספֿק ניט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע אינדוסטריע ווערט זיך פֿערשאַפֿען אַ צוגאַנג אין די לאַנדווירטשאַפֿטליכע געגענדען. נאָך דער רעגירונג געהט דער קאַפּיטאַליסטען-קלאַס אויסזויגען די קאָלאָניען. די פֿאָרמען וועלען זיין אַנדערע, אָבער געזויגען ווערט נאָך ווערען מיט מעהר קראַפֿט.

די בעדייטונג פֿון די קאָלאָניען פֿאַר די האָלענדישע קאַפּיטאַליסטען בעשטעהט ניט אין דעם, וואָס זיי פֿיהרען אַהין אַרויס וואָס מעהר היימישע פּראָדוקטען, נאָר אין דעם, וואָס זיי מאַכען אין די קאָלאָניען גופֿא וואָס מעהר פּראָפֿיט מיט זייערע קאַפּיטאַלען. צוויי מיליאַרד פֿראַנק זענען שוין פֿערטהאָן דאָרט. און דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל האָט אין דעם אַ גרויסען חלק. און זיי ציהען איצט אַרויס 186 מיליאָן אַ יאָהר פּראָפֿיט, ד. ה., אַכט-מאָל אַזוי פֿיעל, ווי פֿריהער די רעגירונג.

צי האָט דיזע גאַנצע קאָלאָניאַל-פּאָליטיק, וועלכע האָט געבראַכט אַזוי פֿיעל אונגליק, קנעכטשאַפֿט און עקספּלואַטאַציע פֿאַר די איינגעבאָרענע שבטים פֿון די קאָלאָניען, צי האָט זי לכל הפּחות געבראַכט גרויסע נוצען פֿאַר האָלאַנד?

דער ענטפֿער דאַן-קאָליש איז: ניין. אין מיטען פֿון 17-טען יאָהרהונדערט איז האָלאַנד מיט אַמאָל ערהויבען געוואָרען און איז געוואָרען דער פֿערמיטלער פֿון אייראָפּא. אין מיטען 18-טען יאָהרהונדערט, ניט קוקענדיג אויף איהרע אונגעהויערע קאָלאָניען, האָט זי גענומען פֿאַלען, זינקען. און ערשט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 19-טען יאָהרהונדערט, אין אַ צייט ווען די קאָלאָניען האָבען אַם ווייניגסטען נוצען געבראַכט פֿאַר יעדעס פֿאָלק, ערשט דאַן האָט זי גענומען, אויפֿלעבען פֿון דאָס ניי. די נוצען פֿון די קאָלאָניען זענען בכלל איבערטריבען. די לאַנדווירטשאַפֿט, די פֿיהצוכט, דער פֿישפֿאַנג, — אָט די דריי וויכטיגסטע עקסיסטענץ-מיטלען פֿון האָלאַנד, האָבען ווייניג געהאַט פֿון די קאָלאָניען.

דער האַנדעל פֿון האָלאַנד האָט בעזונדערס שטאַרק אויפֿגעבליהט נאָך דעם יאָהר 1870, ווען די אינדוסטריע האָט גענומען אַזוי שנעל זיך ענטוויקלען אין דייטשלאַנד. אין די 35 יאָהר, וואָס

זענען אייעק פון יאן, האט דער האנדעל זיך פערגרעסערט אויף 375%, די בעפעלקערונג נאר אויף 55%. אבער אבוואהל דער האנדעל האט זיך פערגרעסערט אין דער צייט אויף 7700 מיליאן פראנק, אדער אויף 210 מיליאן יעהרליך, האט דער האנדעל מיט די קאלאניען זיך פערגרעסערט נאר אויף 14—15 מיליאן. ניט די אלטע אסטאינדישע געזעלשאפט, ניט דאס איצטיגע קולטור־סיסטעם זענען ניט קיין וויכטיגער פאקטאר אין האלענדישען האנדעל ביז היינטיגען טאג. אויך נאר א טייל פון די קאלאניאל סחורות ווערען געשיקט נאך האלאנד. קוים 1 דריטעל טייל פון די סחורות, וואס ווערען ארויסגעפיהרט פון האלאנד, געהען אין די קאלאניען (140 מיליאן פון 4150). די רייזען אין די קאלאניען בעשעפטיגען נור 1 דריטעל־טייל פון די האלענדישע שיפען. האלאנד איז נאך עד היום ניט קיין לאנד מיט ווייטער אינדוסטריע. דאך פיהרט זי זינט דעם יאהר 1856 שוין מעהר פראדוקטען ארויס איידער זי פיהרט אריין פון אנדערע וואו. אבער פון די 137 מיליאן בוימוואלענע סחורות, וואס זי האט אין יאהר 1905 ארויסגעפיהרט, זענען נאר 40 מיליאן אוועק אין די קאלאניען.

און ווי באלד אזוי פרעגט זיך: ווער האט נוצען פון די קאלאניען? די הערשענדע קלאסען, זיי האבען נוצען, זיי בעקומען דורך דעם, וואס די האלענדישע קאפיטאליסטען פערדיענען אזוי געהאלטען, פענסיעס און פראפיטען אויף די קאפיטאלען. אבער מיעל אויף דער בערזע און אין די קאלאניען, זענען פאר די אונטער־נעהמונגען אין לאנד גופא קיין בעלנים ניט געווען. און ניט בלויז זענען גרויסע פראפיטען געמאכט געווארען אויף די קאפיטאלען, אויך גרויסע געהאלטען האבען די זיהן פון די הערשענדע קלאסען בעקומען. אין יאהר 1900 האבען אין אסטאינדיען זיך געפונען 7500 פעראייטעדענע בעאמטע, וועלכע האבען בעקומען 63 מיליאן פראנק געהאלט א יאהר.

און די ארבייטער, — וואס האבען זיי פון די קאלאניען? אויף דעם ענטפערן פאלגענדע ציפערן: 48 % פון אלע האלענדישע ארבייטער זענען בעשעפטיגט ביי אזוינע פראפעסיעס (ווי לאנדווירטשאפט, פיש־פאנג א. ז. וו.), וועלכע קענען בשום אופן ניט האבען קיין שום נוצען פון די קאלאניען. ביי די בעשעפטיגונגען, וואס האבען דירעקט צו טהאן מיט די קאלאניען (באנקען, שיפען, האנדעל א. ז. וו.) זענען פערנומען ביז 30,000 מאן און זיי פער־דיענען יעהרליך פון 31 ביז 35 מיליאן פראנק אלס לוין פאר זייער

ארבייט (ווירקליך 1080 פראנק אויף א פערזאן). דעם לוין וואלטען זיי אזוי לייכט און פילייכט נאך לייכטער געקענט פערדינען, ווען דער דרייפארביגער האלענדישער פלאג וואלט ניט הערשען אין די וואסערען פון אינדיען. דערפאר אבער, זיך יאגענדיג נאך די גרויסע פערדינסטען אין אינדיען, האט מען פון האלאנד אבגעצויגען די קאפיטאלען, אויף וועלכע מען וואלט דארט געקענט בעשעפטיגען אזוי פיעל היימישע ארבייטער.

די אויסזיכטען אויף דער צוקונפט זענען ניט בעסער. און אין גיכען וועלען וואהרשיינליך די האלענדישע ארבייטער נאך מוזען צאהלען שטייערן, כדי מען זאל קענען איינהאלטען די הערשאפט אין די קאלאניען. „די פערגאנגענהייט האט צוגעבונדען דאס האלענדישע פאלק צו די קאלאניען — ענדיגט וואן-קאל — אבער איצט האט דער ארבייטער-קלאס קיין גרונד ניט צו פערלאנגען קאלאניען. די ווייטערדיגע פעסטהאלטונג פון די קאלאניען איז ניט קיין נאציאנאלער אינטערעס און נאך ווייניגער אן ארבייטער אינטערעס. עס איז אויסשליסליך א קאפיטאליסטישער אינטערעס“.

די גרעסטע קאלאניאל מאכט פון דער וועלט, ענגלאנד, וואלט פילייכט געקענט אויסמיידען א שטרענגען פסק-דין פאר איהר קאלאניאל-פאליטיק. די ענגלישע קאלאניען זענען אין זייער ענטוויקלונג אוועק אויף א גאנץ אנדער וועג אלס די האלענדישע אין די איבעריגע. די גרויסע ענגלישע קאלאניען האבען זיך ענטוויקעלט צו זעלבסטשטענדיגע. כמעט אין גאנצען אונאבהענגיגע שטאאטען. אבער ענגלאנד דאט אויף איהר קאלאניאלען געוויסען איין גרויסען, שווארצען פלעק, וועלכער פערפינסטערט איהר גאנצען שיין. דאס איז אינדיען.

דער בעריכט וועגען די ענגלישע קאלאניען בעהאנדעלט נאר די אינדיען-פראגע. עס איז אייגענטליך ניט קיין בעריכט, עס איז א פארמעלער און פעסט בעגרינדעטער בעשולדיגונגס-אקט, אלס אנקלאגער טרעט ארויס דער פיהרער פון דער „סאשאל דעמאקראטיק פעדערייש'ן“ הבר האנדמאן.

„עס איז וויכטיג — זאגט האנדמאן — אז דאס אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע ביורא זאל צו רעכטער צייט וויסען, וואס עס געהט פאר אין א לאנד, וואו ווייניגסטענס 300 מיליאן מענשען, געפינען זיך אונטער דער דעספאטישער הערשאפט פון א הייפעל אינזעל איינוואהנער, וועמעס היימאט און וואוינארט געפינט זיך טויזענדער מיילען פון דעם עראבערטען לאנד“.

און דאס, וואס האנדמאן דערצעהלט איז שווידערליך. צו דער צייט, ווען די ענגלענדער, נאכגעהענדיג די פארטוגעזער, האבען זיך בעוויזען אין אינדיען, כדי דארט צו מאכען געשעפטען, זענען זיי געווען פערבלענדעט פון די עשירות און דעם גלאנץ פון די אינדישע פירסטען, וועמעס פריינדשאפט זיי האבען געזוכט. אין יענער צייט איז אינדיען געווען א רייך און גרויס לאנד. אין וויסענשאפט, קונסט, ארכיטעקטור, לאנדווירשאפט, אינדוסטריע, מעדיצין, געזעצגעבונג און רעליגיאן, אין אלץ האבען די גרויסע אינדישע שטאאטען פון יענער צייט זיך געקענט מעסטען און אויסהאלטען דעם פערגלייך מיט די אויפגעקלערטעסטע און ציווילזירטעסטע פעלקער פון איראפא.

און וואס איז געווארען איצט? נאך א רייהע פון גרויסע קעמפפע האבען די ענגלענדער איינגענומען ביי די 225 מיליאן אינדושען יעדע קאנטראל'ע איבער די פאליציי און פערוואלטונג אין זייער אייגענעם לאנד. אין די גרויסע שטאאטען פון די איינגעבארענע זענען איינגעשטעלט געווארען אויף שטענדיג אונטער דער גנאדע פון דעספאטישער מאכט, אבוואהל נאכ'ן נאמען נאך זענען זיי זעלבשטענדיג. און קיין מאל פריהער איז די סיסטעם פון שטרענגער איבערדערשאפט ניט געווען אזוי שטרענג דורכגעפיהרט אין לעבען ווי איצט. פון 39,000 העכערע בעאמטע, וועלכע בעקומען מעהר ווי 1000 רופיס געהאלט א יאהר, זענען 28,000 ענגלענדער און נאר 11,000 היימישע. און געהאלט בעקומען די ענגלענדער פינף מאל אזוי פיעל ווי די היימישע. די גאנצע ציווילע רעגירונג איז איצט אנפערטרויט מענשען, וועלכע זענען פרעמד צו דעם פאלק, וואס זיי בעהערשען, וואס קענען דאס פאלק ניט און האבען קיין אינטערעס ניט איהם צו מאכען גליקליך.

די גובערנאטארען („דיסטריקט אפיסערס") זענען די אמת'ע הערשער פון אינדיען. זיי זענען די גאנצע בעלי־בתים איבער דעם שיקזאל פון די פיעלע מיליאנען איינוואהנער. זיי קענען אליין ניט ערפילען אלע פפליכטען, — ווען זיי וואלטען אפילו געווען פעהיג און געהאט דעם חשק דערצו. דער רעזולטאט איז, אז די גאנצע פערוואלטונגס־ארבייט ווערט איבערגעגעבען אין די הענד פון ערגסטען קלאס פון די איינגעבארענע.

אין דער פערוואלטונג פון דער ארמעע איז די זעלבע זאך. דער העכסטער ריכטער איז די שווערט ביי די ענגלענדער. מעהר ווי 70,000 גוט־בעוואפענטע סאלדאטען האלט מען אין אינדיען.

און די אײנגעבאָרענע אַרמעע, װעלכע געפֿינט זיך אונטער דער פֿירונג פֿון אײראָפּעאישע אָפֿיצירען, בעטרעפֿט 180,000 מאַן, אויסער אַרטילעריע. 19 מיליאָן פֿונט סטערלינג אַ יאָהר מוזען די אָרימע אינדיער אויף דעם צאָהלען.

דאָך די שרעקען פֿון פֿריעדען זענען אין אינדיען נאָך פֿיעל גרעסער, איידער די שרעקען פֿון קריעג. די קראַפֿט פֿון לעבען און גײַסט פֿון אַ פֿינפֿטען טייל פֿון דער מענשהײַט װערט דורך דעם דעספּאָטישען פֿריעדען פֿערטיליגט. די שעהנע קונסטען געהען אונטער. די הײמישע קולטור איז אויסגעראָט. די לאַנדווירטשאַפֿט זינקט און זינקט אַלץ טיעפֿער. אַלץ, װאָס טראָגט דעם שײַן פֿון פּאַטריאָטיזם אָדער נאַציאָנאַלען געפֿיהל װערט פֿערניכטעט, און די אינדיענער פֿון אַזױנע שטרעבונגען װערען פֿערפֿאָלגט און פֿערזעצט אין די טורמעס. און אָט דער אַרט שלום געהט האַנד אין האַנד מיט דער שטענדיגער פֿעראָרמונג פֿון די מאַסען. און דיזע פֿעראָרמונג און אונטערגאַנג איז נאָר אַ רעזולטאַט פֿון דער דאָזיגער הערשאַפֿטס־סיסטעם.

דאָס, װאָס אין אינדיען װערט אויפֿגעטהאָן אַפֿילו גוטעס: די אײנפֿיהרונג פֿון אײַזענבאַהנען, פֿון קאַנאַלען א. דגל., דאָס אַלץ װערט געטהאָן ניט מיט דעם חשבון צו ברײנגען נוצען דעם פֿאָלק, נאָר מיט דעם אײנציגען ציעל צו ברענגען נוצען די ענגלענדער און צו מאַכען די אינדיער אין יעדער הינזיכט אַלץ מעהר אָבהענגיג פֿון ענגלאַנד.

עס איז בעוויזען געװאָרען, אַז אין אינדיען װערט יעהרליך אַרײַנגעפֿיהרט סחורות פֿאַר 35 מיליאָן פֿונט סטערלינג מעהר איידער עס װערט אַרויסגעפֿיהרט. דיזע 35 מיליאָן זענען אַן אָבצאָהל, װאָס די אָרימע, הונגערנדע אינדיער צאָהלען יעהרליך די ענגלישע קאַפּיטאַליסטען, לאַנד־בעזיצער און אַנדערע פּאַראַזיטען, װאָס לעבען אין ענגלאַנד און ציהען זײער יניקה פֿון אינדיען.

אַלע עשירות, װעלכע זענען נאָר מעגליך צו שאַפֿען, װערען אָבגעשיקט אין ענגלאַנד, און דאָרט, אין אינדיען גופֿא, הערען די מיליאָנען ניט אויף צו הונגערן. סווילדעװעט די שװאַרצע פּעסט, און יעדע װאָך פֿלעגט בשעת אַזאַ מגפֿה פֿאָרקומען מעהר װי 75 טויזענד פֿאַלען פֿון טויט (אין אַפּריל—מאַי 1907 יאָהר). מען דאַרף ניט פֿערגעסען, אַז די פּעסט קומט הויפּטזעכליך פֿון אָרימקײַט. שפּעטער, אין זומער 1907, פֿלעגען שוין שטאַרבען 400,000 מענשען אַ חודש פֿון דער פּעסט און פֿון הונגער.

קיין וואונדער ניט, וואס סוף כל סוף האבען זאגאר די געדולדיגע, רוהיגע, אונטערדריקטע אינדיסען גענומען זיך רירען אין בעוועגען; מען הערט איבעראל די געשרייען: „אינדיען מוז זיין פאר אינדיער“. די שטרעבונג צו מאכען אינדיען אין גאנצען אונאבהענגיג ווערט שטארקער מיט יעדען טאג. דורך פריעדליכע מיטלען קאן מען שוין איצט אייך קיין בעסערונג ניט האפען. פאר 20—30 יאהר האבען ביידע קאפיטאליסטישע פארטייען אין ענגלאנד בעשלאסען די אונגליקליכע דעספאטישע הערשאפט ווייטער צו פיהרען. מען גרייט פאר אלערליי געוואלט־מיטלען צו קענען אונטערדריקען די פאלקס־בעוועגונג פון די אינדיער.

אבער דיזע שענדליכע פאליטיק וועט גאר ניט מאכען. דאס אינדישע פאלק דורסט ביסלעכווייז אן אויפצוואכען און עס וועט מאכען אן עק צו די געוואלד־טהאטען פון די רעגירענדע קלאסען אין ענגלאנד.

---

גאנץ אונערהערטע פאר זיך אליין, דורך א צופאל איז דאס בעלגישע פאלק אריינגעצויגען געווארען אין איינע פון די פערוויקעלטסטע קאלאניאל־אונטערנעמונגען. און איינע פון די שווערסטע קאלאניאל־פראבלעמען קומט אויס דעם בעלגישען פראלעטאריאט צו פערענטפערען. דאס איז די קאנגא־פראגע.

פיער בעריכטען זענען צוגעשטעלט געווארען פון די בעלגישע סאציאליסטען צום אינטערנאציאנאלען ביורא. וועגען די קאנגא־פראגע. ליידער גיבען אלע פיער צוזאמען ניט קיין גענויען און קלארען בילד פון דער זאך. מען מוז זיך נאך בענוצען מיט אנדערע קוועלען, כדי צו קענען פערשטעהן וועגען וואס עס האנדעלט זיך דארט.

אין יאהר 1876 האט זיך געגרינדעט א אינטערנאציאנאלע אקציען־געזעלשאפט אויף אויסצופארשען די גרויסע געגענדען פון אפריקא, אין די לענג פון קאנגא. פון איהר איז אין יאהר 1882 אויסגעוואקסען די קאנגא־געזעלשאפט, אויך א פריוואטע קאפיטאליסטישע קאמפאניע. דיזע קאמפאניע האט פון פערשיעדענע שטאאטען בעקומען די הסכמה צו זיין די הערשערין פון א זעלבשטענדיגען קאנגא־שטאאט. אן אינטערנאציאנאלע קאנפערענץ האט אין יאהר 1884 אין בערלין בעשטימט געוויסע גרונדגעזעצען פאר די

רעכטע פון פערשידענע נאציאנען צו פיהרען האנדעל אין יענע לענדער.

דער קאנגא־שטאאט איז געווען געשאפען ערשט שפעטער, אין יאהר 1885 איז לעאפאלד דער צווייטער, דער קעניג פון בעלגיען, אנגענומען און בעשטעטיגט געווארען „אלס דער ראש פון די שטאאטען, וועלכע די אינטערנאציאנאלע קאנגא־געזעלשאפט האט געגרינדעט אין אפריקא“. לעאפאלד איז מיט דער צייט געווארען דער אבסאלוטער מאנארך אין קאנגא. און דורך איהם איז דאס בעלגישע פאלק ארײנגעצויגען געווארען וואס ווייטער אלץ מעהר אין דיזער אינטערנעמונג.

פיעל געלד און בלוט האט לעאפאלד שוין ארויסגעצויגען פון בעלגישען פאלק פאר זיין שטאאט. און סוף כל סוף איז ער ארויסגעטראטען מיט דעם פארשלאג, אז בעלגיען זאל אין גאנצען איבערנעמען דעם קאנגא־שטאאט, נאר... די רעגירונג דארט זאל בלייבען א מאנארכיש־אבסאלוטיסטישע. די רעכטע און די דעה, וועלכע דער בעלגישער פארלאמענט דארף בעקומען נאך דעם געזעץ־פראיעקט וועגען דאס איבערנעמען, זענען קליין, ניט בעדייטענד. די הערשאפט דארט בלייבט ביים קעניג, וועלכער וויל פערהאלטען פאר זיך: די אדמיניסטראציאן, די געזעצגעבונג, די יוסטיץ, דאס מיליטער, די פינאנצען. מיט אנדערע ווערטער דער אייגענטליכער בעל־דעה וועט בלייבען דער קעניג, נאר דער פארלאמענט וועט האבען דאס רעכט צו דעבאטירען די קאנגא־אנגעלעגענהייטען. זעלבסטפערשטענדליך, דאס די „מתנה“ וועט דארפען קאסטען בעלגיען גרויסע סומען געלד און פיעל בלוט און ענערגיע.

דער קאנגא־שטאאט, וועלכע איז בעוואוינט מיט פעלקער, וואס געפינען זיך נאך אויף דער נידעריגסטער מדרגה פון ציוויליזאציאן און ענטוויקלונג (זאגאר מענשען־פרעסעריי ווערט דארט נאך פראקטיקירט) ענטהאלט אין זיך פערבארגען און בעגראבען א סך נאטור־אוצרות. דערהויפט איז די פראדוקציאן פון גומי (קאטשוק) דער הויפט־געשעפט און די זיכערסטע פרימאנקע פאר קאפיטאליסטען פון אלע לענדער. דער בעדארף אין דעם ארטיקעל וואקסט אין דער גאנצער וועלט. אין יאהר 1905 זענען פערברויכט געווארען אין דער גאנצער וועלט 76,000 טאן. די אינטערנאציאנאלע קאנפערענץ פון בערלין, איבערגעבענדיג די הערשאפט צו דער קאנגא־געזעלשאפט, האט זיך אבער פערזארגט, אז די קאפיטאליסטען פון אלע לענדער זאלען קענען דארט פריי ראבעווען. און באמת איז,

צ. ב., דער אַמעריקאַנער מיליאַרדער ראָקעפֿעלער איצט דער הויפּט־בעל־הבית פֿון דער גומי־געזעלשאַפֿט אין קאָנגאָ.

די קאָנגאָ־גוואַלדטהאַטען, די קאָנגאָ־סקאַנדאַלען זענען געוואָרען אַ שם־דבר אויף דער גאַנצער וועלט. אין די פֿערשידענסטע פּאַרלאַמענטען זענען געמאַכט געוואָרען אָנפֿראַגען, זענען אָנגענומען געוואָרען פּראָטעסטען געגען די שוידערליכע מאָרד־און רויב־פּאָליטיק, וואָס ווערט דאָרט בעגאַנגען געגען די איינגעבאָרענע בעפֿעלקערונג.

אָט דאָס איז די ירושה, וואָס דאָס בעלגישע פֿאָלק דאַרף איבערנעמען. צוליעב אַ גאַנצע רייהע פֿון טעמים האָט אַ ספּעציעלער צוזאַמענפֿאָהר פֿון דער בעלגישער סאָציאַליסטישער אַרבייטער־פּאַרטיי בעשלאָסען, אויפֿצופֿאָדערען איהרע דעפּוטאַטען, אַז זיי זאָלען שטימען אין פּאַרלאַמענט געגען דאָס איבערנעמען פֿון קאָנגאָ דורך בעלגיען. די מעהרהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט, אַז קאָנגאָ זאָל אַריבער אונטער אַן אינטערנאַציאָנאַלען קאָנטראָל פֿון פֿערשידענע נאַציאָנען.

---

אויף זיין געוועהנליכען קלאָרען, סיסטעמאַטישען אופֿן ברענגט פֿאָל־לואַ צוזאַמען אַלץ, וואָס ס'איז נויטיג כדי צו בעקומען אַ גענויעם בילד פֿון די קאָלאָניאַל־אַנגעלעגענהייטען פֿון פֿראַנקרייך.

שוין אַ פֿיערטעל יאָהרהונדערט, ווי די דריטע פֿראַנצויזישע רעפּובליק האָט זיך אַריינגעוואָרפֿען מיט לייב און לעבען אין קאָלאָניאַל אונטערנעמונגען. צו די אַלטע בעזיצונגען זענען צוגעקומען פֿיעל נייע. מען רעכענט, אַז 52 מיליאָן איינוואָהנער האָט פֿראַנקרייך אין איהרע קאָלאָניען. זי האָט גרויסע בעזיצונגען אין אַפֿריקאַ, טוניס, קאָנגאָ, אַלזשיריען, טאָנקין, קאָשין־כינאַ א. ז. וו. און דאָס אַלץ איז די בורזשואַזע פּאָליטיק נאָך וועניג. פֿריהער האָט מען געחלומ'ט וועגען מצרים און אַנדערע. היינט פּרובירט מען מאַראָקאָ פֿערכאַפּען.

די פֿראַנצויזישע קאָלאָניען ווערען אויך, ווי די אַנדערע, רעגירט דעספּאָטיש. נאָר דורך קריעג האָט מען זיי ערוואָרבען. און דורך מיליטערישע געוואַלט און אָפֿטע אונטערדריקונג פֿון אויפֿשטאַנדען ווערט די העררשאַפֿט דאָרט איינגעהאַלטען.

זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז דאָס קאָסט פֿיעל געלד. די הוצאות אויף די קאָלאָניען ווערען פֿון יאָהר צו יאָהר גרעסער. און זיי

וואַקסען מיט אונגלויבליכקייט. פֿון 5 מיליאָן פֿראַנק אין יאָהר 1820 איז דער בּודזשעט פֿאַר די קאָלאָניען אויסגעוואַקסען אויף 115 מיליאָן אַ יאָהר אין די לעצטע צייט. דערפֿון געהן 89 מיליאָן אַוועק אויף אויסצוהאַלטען דאָרט די אַרמעען. אויך די בּיוראָקראַטיע האָט זיך דאָרט פֿעסט איינגעגעסען. און אָבוואָל מען טהוט פֿאַר די קאָלאָניען גאַנץ וועניג אויף, דאָך איז די פֿראַנצויזישע קאָלאָניזאַציאָן די טייערסטע אין דער וועלט.

צו דאַרף פֿראַנקרייך אַזוי פֿיעל קאָלאָניען? צי האָט זי נוצען פֿון זיי?

אַלאַנגע צייט האָט מען געדענקט, אַז דער פֿלאַג וועט מיטטראָגען מיט זיך דעם האַנדעל. מען האָט זיך אָבער געמוזט אַרומזעהן, אַז עס איז אַ טעות. פֿון די 750 מיליאָן פֿראַנק סחורות, וועלכע די פֿראַנצויזישע קאָלאָניען האָבען (1900—1905) אויסגעטוישט מיט אויסלאַנד איז קוים אַ העלפֿט אויסגעקומען פֿאַר פֿראַנקרייך. די ענגלענדער, די דייטשען, די אַמעריקאַנער, די בּעלגיער, די שווייצער האָבען דאָרט געמאַכט ניט קיין ערגערע געשעפֿטען.

אין אַרויספֿיהרען מענשען נויטיגט זיך פֿראַנקרייך ניט: איהר בּעפֿעלקערונג וואַקסט ניט. מען עמיגרירט ניט פֿון פֿראַנקרייך, נאָר מען אימיגרירט נאָך קיין פֿראַנקרייך. די איינציגע אורזאַכע פֿאַר די קאָלאָניזירונג איז געווען די האָפֿנונג צו קענען אָבזעצען דאָרט אַ גרויסען טייל פֿון די פּראָדוקטען, פֿאַר וועלכע עס פֿעהלען קונים. אָבער די האָפֿנונג האָט זיך בּשום אופֿן ניט ערפֿילט.

און דערווייל דאַרפֿען די פֿראַנצויזישע פֿאָלקס־מאַסען צאָהלען שווערע שטייערן, צו טראָגען דעם קאָלאָניאַלען יאָך אויף זיך. און דאָס איז ניט דער איינצעלנער שאָדען, וועלכען דאָס פֿראַנצויזישע פֿאָלק ליידעט פֿון די קאָלאָניען. די ערהאַלטונג פֿון די קאָלאָניען און די האַרטקייט, וואָס ווערט דערבּיי אַרויסגעוויזען, פֿערשטאַרקט דעם מיליטאַריזם און די בּאַרבּאַרישע געפֿיהלען. אויסער דעם שאַפֿען די קאָלאָניען שטענדיג גרויסע דיפּלאָמאַטישע שוועריגקייטען פֿאַר פֿראַנקרייך און שטענדיג געפֿינט זי זיך אין געפֿאַהר פֿון קאָנפֿליקטען און קריעג מיט אַנדערע מלוכות. דאָך די קאָלאָניאַלע ליידענשאַפֿט און תאוה, וועלכע האָט פֿערכאַפּט אַלע גרויסע קאַפּיטאַליסטישע שטאַאַטען, האָט זיך פֿעסט איינגעוואָרצעלט בּיי די הערשענדע קלאַסען אויך אין פֿראַנקרייך. און אויך דאָרט איז דער הונגער נאָך קאָלאָניען שטאַרק.

די דייטשע מלוכה האט אין איהר קאלאניאל געשיכטע געמיזט האבען דעם זעלבען שיקזאל, ווי דער פאעט שילער'ס ביי דער פערטיילונג פון דער ערד: זיי ביידע זענען געקומען צו שפעט, ווען אלץ איז שוין געווען צוכאפט.

די תאוה נאך קאלאניען איז געווארען גרויס. אבער די עלטערע מלוכות האבען שוין די בעסטע קאלאניען פערכאפט. דער ערשטער טריט צו ערווערבען קאלאניען איז דורכגעפיהרט געווארען דעם 24 אפר. 1884. די דייטשע מלוכה האט איבערגענומען א שטיק לאנד וועלכעס איינער א קויפמאן לידעריץ האט ערווארבען אין דרום-אפריקא. אין זעלבען יאהר זענען ערווארבען געווארען די ברעגעס פון טאגא און קאמערון. אויך אין מזרח-אפריקא האט דער דייטשער פלאג צו יענער צייט גענומען פלאטערן. נאך איינגע קלענערע קאלאניען זענען צוגעקומען. שפעטער, אין יאהר 1898, האט דייטשלאנד אבגענומען אויף „ארענדע" ביי דער כינעזישער רעגירונג אויף 99 יאהר דעם האפען-געגענד קיאוטשאו. אין גאנצען פערמאגט איצט דייטשלאנד 2,659,000 קוואדראט קילאמעטער ערד אלס קאלאניען מיט א בעפעלקערונג פון 12,119,000, צווישען וועלכע עס געפינען זיך 12,440 ווייסע.

געקאסט האבען די קאלאניעי שוין א שעהן ביסעל פערמעגען. די מלוכה האט פון איהר קאסע צוגעלעגט צו די קאלאניען אין די 21 יאהר צווישען 1885 און 1906 327,863,000 מארק. אין יאהר 1906 אליין האט מען אויסגעגעבען 51,468,000 מארק. ,און אויסערדעם קומט א בעזונדערער חשבון, עקסטרא הוצאות פאר די אונטערדריקונג פון אויפשטאנדען אין דרום און אין מזרח-אפריקא. דער קריעג אין דרום-אפריקא אליין האט געקאסט 317,000,000 מארק. בכלל רעכענט מען, אז ניט ווייניגער ווי 400 מיליאן מארק זענען פערשלונגען געווארען אויף די אינטערדריקונג פון אויפשטענדען.

נו, פרעגט זיך, ווער האט פון די קאלאניען? אז די איינגעבארענע שווארצע שבטים האבען ניט קיין גרויס נחת פון די נייע ווייסע הערשער, איז זעלבסטפערשטענדליך. די דייטשע פערוואלטונג אין די קאלאניען איז שוין פאר די קורצע צייט פון איהר געשיכטע פול מיט די גרעסטע סקאנדאלען. מען האט די איינגעבארענע געה'רג'עט, געמארדעט, זייערע פרויען פארגעוואלטיגט, זייער ערד צוגענומען, אין פיעל פעלען כלומר'שט „אבגעקויפט" פאר 5 קאפ. א העקטאר. צ. ב., דורך דער לעצטער קריעג געגען די הערעראס אליין איז פון דעם שבט, וועלכער איז פריהער בע-

שמאַנען פון 80,000 מאַן, איצט קוים געבליבען 20,000. אין אויך די, וואָס בלייבען לעבען, ווערען אויפ'ן שענדליכסטען אופן עקספּלואַטירט אין עבֿודה־זרה'דיג בעהאַנדעלט פון די ווייסע אונטערנעמער און די ווייסע הערשער אין די קאָלאָניען פיהרען אַלץ דערצו, אַז די איינגעבאָרענע זאָלען ווערען מענשען אָהן לאַנד, אין גאַנצען אַבהענגיג פון די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער.

האָט דייטשלאַנד עפּעס וואָס בעקומען פאַר איהרע גרויסע הוצאות, פאַר דעם שווערען יאָך? צו קענען די קאָלאָניען דינען אַלס מקום מקלט פאַר די וואַקסענדע בעפעלקערונג? אויף דעם איז דער ענטפער קלאָר און שאַרף: ניין. די דייטשע קאָלאָניען געפינען זיך אין די טראָפּיקס, דאָרט וואו אייראָפּעער קענען איבערהויפּט ניט וואָהנען. נאָר אין דרום־אַפריקאַ איז דער קלימאַט אַ ביסעל בעסער. אָבער די העכסטע שאַצונגען זאָגען, אַז מען וועט מיט דער צייט קענען דאָרט בעזעצען בסך הכל 100,000 ווייסע. אין דייטשלאַנד פערגרעסערט זיך די בעפעלקערונג אויף 800,000 פּער־זאָן אַ יאָהר. וואָס פאַר אַ בעדייטונג קענען האָבען די 100 טויזענד, ווען עס וואָלט שוין יאָ געלונגען ווען עס איז זיי צו בעזעצען דאָרט?

דאָך ניט די אינטערעסען פון די גרויסע פאָלקס־מאַסען האָבען געטריבען דייטשלאַנד אויף די וואַסערן, נאָר קודם כל די שטרעבונג פון קאַפּיטאַל צו פערגרעסערן דעם שטח פון זיין עקספּלואַטאַציאָן. עס זענען צוגעקומען נאָך אַנדערע אידעאָלאָגישע מאָמענטען: געוויסע שיכטען פון די הערשענדע קלאַסען אין דייטשלאַנד האָבען זיך אַרומגעזעהן, אַז דייטשלאַנד'ס נאָמען און עהרע פאָדערן, אַז זי זאָל אויך פיהרען אַ גרויסע קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. און באמת האָט זי געטומען נאָכמאַכען די אַנדערע עלטערע קאָלאָניאַל־מעכטע.

אָבער אויך די השבונות פון די הערשענדע קלאַסען האָבען ביז איצט זיך אַרויסגעשטעלט פאַר פאַלש; פון אַלע זייערע האָפנונגען איז דערווייל קיין איינע ניט ערפילט געוואָרען.

מען האָט, למשל, נביאות געזאָגט, אַז דער דייטשער האַנדעל וועט אָבלעבען דורך די קאָלאָניען. אַרויסגעוויזען האָט זיך, אַז אין גאַנצען האָט דייטשלאַנד אַריינגעפיהרט סחורה און אַרויסגעפיהרט אין איהרע קאָלאָניען אויף 65 מיליאָן מאַרק. מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז אַ גרויסען חלק דערפון קויפען די דאָרטיגע בעאַמטע, אָפיצירען און אַנדערע ווייסע (קויפען אויפ'ן חשבון פון קהל'שער קעשענע). אָבער בכלל וואָס פאַר אַ ווערדע האָט עס אין פער־

גלייך מיט די 16,123 מיליאָן מאַרק, וואָס בעטרעפט דייטשלאַנד'ס האַנדעל מיט אויסלאַנד אין זעלבען יאָהר?

גערויס, עס זענען דאָ אויך אַזוינע, וואָס האָבען שוין גרויסע נוצען פון די קאָלאָניען. דאָס זענען קודם כל די, וואָס שטעלען צו פּראָוויאַנט און קליידער פאַר די דאָרטיגע אַרמעע. דאָס זענען אויסער-דעם נאָך אַ ביסעל ספּעקולאַנטען. דאַן קומען אָפיצירען, בעאַמטע. אויף דעם עקאָנאָמישען לעבען פון דייטשלאַנד בכלל האָבען די קאָלאָניען ביז איצט געהאַט זעהר אַ קליינע ווירקונג. די איינציגע זאַך, וואָס מען פיהלט שטאַרק, איז, דאָס זיי וואַרפען אַרויף אויף די פּלייצעס פון פאָלק אַלץ נייע משאות. דערפאַר אָבער שאַפען די קאָלאָניען דייטשלאַנד גרויסע שטערונגען אין וועלט-פּאָליטישען האַנדעל, פערוויקלונגען אין דער דיפּלאָמאַטיע. און די קאָלאָניאַל-פּאָליטיק פערשטאַרקט אַלץ מעהר דעם מיליטערישען גייסט פון דער דייטשער בורזשואַזיע און מאַכט זי נאָך גרעבער און מאָראַלייש נאָך ווייניגער פיהלענד.